STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02623

VAYTER FUN TRAKT

Menuha Ram

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיניאטור -
ביבליאטעק

מיניאַטור-ביבליאָטעק 2

מנוחה ראם

ווײַטער פון טראַקט

דערציילונג

תשכ"א פאריז 1961

אלוו. יידישער קולטור-קאנגרעס אין פראנקרייך

Menouha RAM : « Wayter foun Trakt » (« Loin de la Route »). Conte.

מנוחה ראַם — ווייטער פון טראַקט — דערציילונג — „מיניאַטור־ביב־ליאָטעק" פון קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך — נר. 2 פאַריז, 1961

« COULTOURE CONGRESS »
36, rue Amelot — PARIS (11e)

מנוחה ראָם / ווייטער פון טראַקט

א וואָרט וועגן מחבר

„ווייטער פון טראַקט" איז דאָס ערשטלינג־בוך פון מנוחה ראַם. אַרויסגעבן אַ נייעם מחבר, דאָס איז אַ באַזונדערע סאַטיס־פאַקציע פאַר דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק".

מנוחה ראַם איז צום ערשטן מאָל באַקאַנט געוואָרן אינעם יאָר 1955.

דער „אַרבעטער־רינג" אין פּאַריז האָט פּראָקלאַמירט אַ קאָנקורס פאַר נאָוועלע און דערציילונג. דער גורל האָט צוגע־שפּילט דער אומבאַקאַנטער מחברין און איר דערציילונג „ווינטן" האָט געוווּנען דעם ערשטן פּרייז.

פון דעם מאָמענט אָן איז מנוחה ראַם — דער פּסעוודאָנים פאַרן קאָנקורס — געבליבן דער ליטעראַרישער נאָמען פון רבקה וואַלדמאַן.

פאַר די עטלעכע יאָרן, ביז היינט, האָט די שרייבערין פאַרעפנטלעכט אירע דערציילונגען אין די יידישע אויסגאַבעס פון פּאַריז און אויסלאַנד. צווישן אַנדערע, אויך אין ניו־יאָרקער „די צוקונפט".

אין „ווייטער פון טראַקט", ווי אין רוב פון אירע פאַרעפנט־לעכטע דערציילונגען, שילדערט מנוחה ראַם דאָס רוסישע דאָרף. אירע געשטאַלטן זיינען פּלאַסטיש געצייכנט און פאַרמאָגן דעם כאַראַקטעריסטישן אויסדרוק פון דער דאָרטיקער מיליע.

איר איז נאָענט דער דאָרפס־פּייסאַזש און דאָס שטייגער־לעבן פונעם פויער אין וויטן קאַזאַכסטאַן. די שפּראַך איז אַ קערנדיקע, פול מיט אָרטיקן קאָלאָריט.

„ווייטער פון טראַקט" אַנטפּלעקט אַן אינטערעסאַנט בילד פון דער רוסישער ווירקלעכקייט אין דער לעצטער מלחמה.

מ. וו.

לזכרון

מיינע טאַטע-מאַמע

פּנחס און ביילע מירסקי

ברידער — יוסף, לייזער,

יאַנקעלע און שוועסטערל

באַשעלע — אומגעבראַכטע אין

די געטאָס פון זשעטל - נאָוואָגרודעק

דאָס געזאַנג

קאַפּיטל איינס

אין גאַנצן אַ פּאָר מאָנאַטן וועט זיין, ווי נאַדזשקע אַרבעט און שלאָפט אין בריגאַדע. איר אָבער דוכט זיך, אַז זי האָט שוין זינקעלען זייער לאַנג נישט געזען.

איידער זי איז אַוועק אין סטעפּ, האָט זי אַ לאַנגע צייט געלעבט ביי איר קוזינקע וואַליע. געקומען צו איר איז זי פּונקט אין יענעם טאָג, ווען וואַליעס מאַן, וואָלאָדיע, איז אַוועק אויפן פראָנט. זייער טעכטערל זינקע איז דאַן אַלט געווען ביי אַ האַלב יאָר.

וואַליעס הייזקע איז פון די לעצטע, ביים גרויסן טראַקט. זי אַליין אַרבעט טאָג און נאַכט אין אַ בריגאַדע, נאָענט פון דאָרף. יעדן טאָג, וואָס זי רייסט אָפּ פאַר זיך, איז זי אויפן גאָרטן, וואָס ציט זיך הינטער איר שטוב. זי האָט דאָרט פאַרזעצט קאַרטאָפל און בוריקעס.

נאַדזשקע האָט געהאָלפן אין דער שטובאַרבעט, זיך אַרומגעטראָגן מיטן קינד אויף די הענט. ווען זינקעלע איז געשלאָפן, האָט זי אויך געאַרבעט אויפן גאָרטן.

וואַליע איז זייער אַ גוטע. זי האָט געטיילט מיט נאַדזשקען יעדן ביסן. זיי האָבן געהאַט קאַרטאָפל, מילך, אַ מאָל אויך ברויט.

אין יענער צייט איז ביי נאַדזשקען אין שטוב שוין פון לאַנג קיין ברויט נים געווען. איר מאַמע, אַגאַפיע סטעפּאַנאָוונע, האָט דעמאָלט געאַרבעט אויף דער באַזע ביי די שעפּסן. זי איז זעלטן געווען אין דער היים. ביי נאַדזשקעס חתונה-געהאַטער שוועסטער האָט מען שוין אויך געהונגערט. געקומען איז זי דאַן צו וואַליען אַזוי זיך, בלויז געזעגנען וואָלאָדיען. יע־

נעם טאָג איז זי שוין אַהיים ניט געגאַנגען און פון דאַן אָן געבליבן ווינען מיט זיי.

אַלע דריי האָבן געלעבט אין איין קאַמער, אין „האָרניצע" 1) מיט דער קיך כמעט זיך אין גאַנצן ניט באַנוצט. דער גרויסער, אַלטער אויוון איז דאָרט צעבראָכן, דאָס פענצטער, אָנשטאָט שויבן, פאַרקלאַפּט מיט ברעטלעך. אַנטקעגן אויוון שטייען נאָך אָפּגעצוימט די גרויסע זאַסיקעס, צוזאַמענגעקלאַפּטע פון ברעטער. דאָס איז נאָך געבליבן פון אַמאָל. ווען די מומע אָלגע האָט געלעבט, האָט מען דאָרט געהאַלטן תבואה. היינט וואַרפט מען דאָרט אָן די קאַרטאָפל און די בוריקעס. עס קלעקט נאָך אָרט אַוועקצולייגן די קיזיאַקעס, אַ ביסל האָלץ.

גאַדזשקען איז גוט געווען ביי וואַליען. אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט זי זיך דערלאַנגט אַ הויב אויף און אַוועק אין סטעפּ.

וואַליעס מאַן איז שוין געווען צוריקגעקומען פון פראָנט. ער איז גיך צוריקגעקומען מיט איין פוס. דער צווייטער איז געווען אַ הילצערנער, צוגעשפּיליעט מיט רימענדלעך. וואָלאָדיע איז געווען זייער בלייך און אָפט האָט זיין פּנים געצוקט.

אין די גרויסע היצן פלעגט ער אָפּשפּיליען דאָס שטיק האָלץ מיט די רימענדלעך און מיט דער הילף פון די צוויי קוליעס צושפּרינגען צום טראַקט. אויף דער ערד, אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט, פלעגט ער בלייבן זיצן מיט זיין איינציקן פוס אויסגעצויגן פאַר זיך. ער האָט אויסגענוצט די צייט אַכטונג צו געבן אויף דער קליינער זינקעלען. נעבן אים האָט זי זיך געשפּילט אין זאַמד. קוים האָט די קליינע זיך אָפּגערוקט ווייטער, האָט ער מיט דער קוליע אין האַנט פאַרשטעלט איר דעם וועג, געהיט דאָס קינד זאָל ניט אַריינפאַלן אין ראָוו.

וואָלאָדיע איז געזעסן און צוגעפּיפן. מיט אַ מאָל האָט זיין פּנים אָנגעהויבן צוקן.

— וואַליע! היי, וואַליע! נאַדזשקע! ווער איז דאָרטן? — האָט ער זיך צעשריען — איר הערט? ווו זענט איר דאָרטן? דערלאַנגט מיר מיין פוס, איך וויל זיך אַריינכאַפּן אויף אַ ווײַלע צו סטעפּאַנען.

נאַדזשקע פלעגט דאַן איינזינקען אין קאַרטאָפּליאַניק, ווי זי וואָלט געווען צוגעוואַקסן צו דער ערד, בלייבן פאַרקוקט אין אַ פאַרקערטער ריכטונג,

---

1) אויסטייטשונגען פון ווערטער — 73—74

צוגעשפּיצט צום אָרט, פון וואַנען עס איז געקומען דער געשריי. אין גאַנצן אָפּגעגאָסן מיט אַ רויטקייט, האָט זי מער געפילט ווי געזען וואַליען זיך אויפהייבן. ווען וואַליע איז געקומען צוריק מיט זינקעלען אויף די הענט, האָט נאַדזשקע געוווסט, אַז זי האָט שוין וואָלאָדיען דערלאַנגט דעם פוס, אַז ער איז אַוועק. דאַן האָט זי זיך אַרויסגעהויבן פון צווישן די הויכע קוסטעס.

אין יענער צייט האָט דאָס מיידל אַ וואַקס געטאָן, העכער געוואָרן, פולער. אַ ראָזקייט האָט געשפילט אויף אירע באַקן. בעתן אַרומשיטן די קאַרטאָפליעס האָט זי, שווייגנדיק, געזען, ווי די זון רוקט זיך אַראָפּ אַלץ נידעריקער צו דער ערד און געטראַכט וועגן דעם, אַז עס וועט באַלד ווידער ווערן פינצטער.

נאַדזשקע האָט פיינט געהאַט די נעכט. שוין ניט איין מאָל איז איר איינגעפאַלן אין מיטן נאַכט אַוועקצולויפן צו זיך אַהיים. איר מאַמעס כאַטקע שטייט אין אַ זייט, אַ סך ווייטער פון טראַקט.

— עס האָט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער רעטעך! — האָט זי געבורטשעט און אַ שלאָפלאָזע זיך געוואָרפן אויפן געלעגער.

אין איינעם אַ פרימאָרגן, ווען וואָלאָדיע איז אַרומגעגאַנגען הין און צוריק איבערן שטוב, האָט איר אויפגעוועקט דאָס קלאַפּן פון זיין הילצערנעם פוס מיט די קוליעס.

— וואָס שלאָפסטו אַזוי שפּעט, נאַדזש? וואַליע האָט שוין אַ האַלבן גאָרטן אויסגעיאָטן! ווער שלאָפט עס איצטער? שוין האַלבער טאָג — האָט ער געלאַכט.

פאַרשעמט האָט נאַדזשקע זיך אַ הויב געטאָן פון געלעגער און שנעל גענומען מאַכן אָרדענונג אין שטוב. עס איז שוין טאַקע געווען שפּעט. גאָר הויך שוין געשטאַנען די זון.

אַז ביינאַכט שלאָפט זיך ניט — האָט זי געטראַכט — היינט זיינען שוין ווידער געפאָרן גרוזאָוויקעס דורכן טראַקט. שוין ווידער האָט ביינאַכט מיך אויפגעוועקט דאָס גערזאַנג. אַ גאַנצע נאַכט זיינען זיי געפאָרן. איין אויטאָ האָט געיאָגט נאָכן צווייטן, אָנגעלאָדן מיט רעקרוטן, זיי פאָרן און זינגען... וואָס זינגען זיי?...

ווען די גרוזאָוויקעס זיינען פאַרבייגעפאָרן איינס נאָך איינס, האָט זייער ליכט זיך פאַרהאַלטן אין דער דערבייאיקער קיך. דורך די שפּאַלטן פון דער צעטריקנטער טיר האָט לאַנג אַריינגעשיינט. אַ שיין, איז געשפּרונגען איבער

די פינצטערע ווענט. אין קיך זיינען ווידער געפאַלן שטיקלעך ציגל פון צעבראָכענעם אויוון, דאָס ליים האָט זיך געקרישלט. עס האָט גערוישט אין איינגעפאַלענעם קוימען. לאַנג איז דאָרט געשטאַנען אַ ליכטיקייט, ווי עס וואָלט זיך אָנגעצונדן, געברענט...

ווען דאָס געזאַנג אויף די לאַסטאויטאָס האָט זיך פאַרבייגעטראָגן, איז געוואָרן מוראדיק פינצטער. נאַדזשקע האָט געציטערט אויפן געלעגער, געטוליעט דעם קאָפּ אין קישן און געוואָלט איינשלאָפן, האָט זיך אָבער ווידער צעלויכטן אויף דער וואַנט אַנטקעגן וועג און ביים אָנהויב פון טראַקט האָט מען אויפסניי דערהערט זינגען.

עס האָבן שוין געקרייט די הענער אויף טאָג, ווען נאַדזשקע איז איינגעשלאָפן. איצט האָט זי אַ פאַרלוירענע געקוקט צום זוניקן דרויסן אויף יענער זייט. פאַר די גרויע פאַרשטויבטע פענצטערלעך האָט זיך געצויגן דער ליידיקער טראַקט.

אַ פאַרטראַכטע, פאַרנומען מיט אַרבעט, האָט זי גאָרניט געזען, ווען וואָלאָדיע איז אַרויס. ער איז געזעסן פאַרן וועג אָנגעשפּאַרט אָן דער וואַנט. נאַדזשקע האָט גיך געוואַשן די פּאָדלאָגע, געוואָלט פאַרענדיקן וואָס שנעלער און אַרויסגיין העלפן וואַליען אויפן גאָרטן.

— עס איז שוין באַלד נאָכן טאָג — האָט זי געזאָגט פאַר זיך — שוין שפּעט. באַלד ווערט ווידער נאַכט. איך וויל ניט. דאָס געזאַנג וועט מיך שרעקן.

נאַדזשקע ווייס: דאָס פאָרן אונדזערע מאָביליזירטע „נאַש:ע“. זיי פאָרן פון די ווייטע דערפער זיך שלאָגן מיט די פאַרשאָלטענע דייטשן. דער דיעדושקאַ סטעפּאַן זאָגט, אַז זיי גייען אָפּגעבן די קעפּ פאַר דער ראָדינע.

— אָפּגעבן די קעפּ? איז וואָס זינגען זיי?...

שוין וויפל מאָל האָט זי געזען פון דאָרף אַוועקגיין מאָביליזירטע. דאָס איז אָבער נישט געווען אין מיטן נאַכט. און זיי האָבן ניט געזונגען...

דאָס לעצטע מאָל האָט זי עס געזען, ווען מאַרוסיעס ברודער, מישקאַ, איז אַוועק אויפן פראָנט.

נאַדזשקע איז געשטאַנען פאַרן וועג מיט זינקעלען אויף די הענט. עס איז געווען פאַרנאַכט. מענטשן זיינען געגאַנגען צום „סיעל-סאָוויעט“. הינטער זיי האָט זיך אויפגעהויבן אַ געדיכטער שטויב. דאָס האָט פּיעטרוק זיך צוריקגעקערט מיט דער סטאַדע פון פעלד. נאַדזשקע האָט זיך ניט גלייך

אָריענטירט, וואָס דאָ קומט פֿאָר. אַלע האָבן פֿול געמאַכט דעם ברייטן וועג. די קי האָבן דערשראָקענע זיך אַרייַנגעריסן צווישן צעטומלטן עולם. געלאָפֿן איינע פֿאַר דער צווייטער, איבערגעיאָגט די מענטשן און איינציקווייז פֿאַרשוווּנדן צו זיך אין די שטאַלן. דער בלינדער פּיעטרוק איז געבליבן שטיין אין מיטן וועג. עס האָבן זיך אים אַזוי צוזאַמענגעמישט די קי מיט די מענטשן, אַז ער האָט זיך גאָרניט געקענט פֿונאַנדערקלייבן. קיינער האָט זיך אויף אים ניט אומגעקוקט. איז ער געבליבן שטיין אַן אָפּגעזונדערטער, דעם קאָפּ פֿאַרהויבן, אָנגעבויגן אין אַ זייט. זיין איינציק האַלב אָפֿן אויג האָט געפֿינטלט צום טונקעלן פֿלעק פֿאַר זיך.

נאַדזשקע איז אַרויפֿגעלאָפֿן אויפֿן גאָרטן, איבערגעלאָזט זינקעלעך געבן וואַליען און אין איילעניש געיאָגט צוריק.

ביים אָנהייב פֿון טראַקט, אויפֿן מיטן וועג איז נאָך אַלץ געשטאַנען פּיעטרוק פֿאַרגולמט, ווי ער וואָלט זיך ניט געקענט רירן פֿון אָרט. שוין גאָר ווייט פֿון אים זיינען די מאָביליזירטע מיט זייערע משפּחות צוגעקומען צום פּלאַץ. נאַדזשקע האָט זיי אָנגעיאָגט. פֿיל קינדער זיינען נייגעריקע מיטגעלאָפֿן אויף די שמאָלע שטעגלעך פֿאַרביי די כאַטעס.

פֿאָרויס פֿאַר אַלעמען איז געלאָפֿן מאַנטעראָוועס רויטע קו. איר הויף האָט זי שוין לאַנג פֿאַרביי געיאָגט און ניט באַוויזן, דורכן עולם, זיך דורכצורייסן צום שטאַל. איז זי איצט געלאָפֿן פֿאָרויס, פֿון צייט צו צייט געמאַכט אַ פּרווו זיך אומצוקערן צוריק. אַ דערשראָקענע פֿון עולם, וואָס האָט געשטראָמט נאָך איר, איז זי אַלץ ווייטער און ווייטער געלאָפֿן מיט אַ טרויעריק פֿאַרבענקטן מוקען.

באַלד נאָך דער קו איז געגאַנגען מאַרוסיעס ברודער מישקאַ. ער האָט געטראָגן אַ גרויסע מאַרינאַרקע און אויסגעזען ווי אַ קליינער טאַטע. זיין מאַמע איז געגאַנגען ביי זיין זייט ווי מיט אַ גרויסן. זי האָט אים געגלעט איבער זיינע לאַנגע אַרבל און נאָכאַנאַנד איבערגעחזרט:

— שרעק זיך ניט, מישענקאַ, דער טאַטע איז אויך דאָרטן אויפֿן פֿראָנט...

יענעם טאָג איז געווען אַ גרויסע מאָביליזאַציע אין דאָרף. אַזאַ טומל געוואָרן, ווען די רעקרוטן זיינען אַרויף אויפֿן לאַסטאויטאָ. אַלעמענס געשרייען האָבן זיך אויסגעמישט:

— וואַנקע, זאָלסט היטן דיין קעסטל!

— גרישאַ, פאַרליר ניט דעם שאַליק !

— זאָלסט שרייבן !

— שרייב צום טאַטן אויפן פראָנט !

— זאָלסט זען נאָכפרעגן אויפן טאַטן ! געפין אים !...

— נאַ, אַנדרושקאַ, אַ טיכעלע ! — האָט געשריגן די באַבושקע קי־ריאַקאָווע און געטראָגן אַ טיכעלע אין דער אויסגעשטרעקטער האַנט, לויפנ־דיק פאָרויס מיט דריבנע טריטעלעך. — נאַ, אַנדרושינקאַ, און...

דער גרוזאָוויק האָט אַ צי געטאָן פון אָרט, סיגנאַליזירט און איז אַוועק מיטן טראַקט. אַוועק אין דער ריכטונג, ווו די זון האָט זיך אַראָפּגעלאָזט און אַ רויטע, אַן אָנגעצונדענע געשטאַנען צווישן הימל און ערד.

אַלע האָבן געקוקט צום וועג. דער שטויב האָט געיאָגט, געקייקלט נאָך די לאַסטאויטאָס, אַלץ שיטערער געוואָרן און זיך אָפּגעזעצט. קיינער האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. עס איז געווען שטיל. מיט אַ מאָל האָט אַ הייזעריק, פאַרשטיקט קול זיך געבראָכן אין דער לופט, געפאַלן אין אָפּגעהאַקטע שטיקלעך :

— מי־שענ־קאַ !

דער עולם האָט זיך אַ ריס געטאָן פון די ערטער. מישקעס מאַמע איז געלאָפן פאָרויס. אַ וואַקלענדיקע געפלאָנטערט פאַר זיך מיט די פיס, ווי זי וואָלט געווען שיכור, איר קאָפּ איז אַראָפּגעהאָנגען אויף פאָרנט. אָט, אָט און זי פאַלט אין דער טיפער רינעביים וועג. ווען מען האָט זי געטראָגן צום „סעל סאָוויעט", האָבן אירע הענט נאָכגעבאָמבלט ווי פרעמדע.

נאַדזשקע האָט עס אַלץ צוגעזען. זי איז געווען בלייך ווי די וואַנט. זי האָט אין גאַנצן געציטערט :

— עס האָט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער רעטער ! — האָט זי אַרויסגעשעפּטשעט און מיט אַ געוויין אַנטלאָפן אַהיים.

אויף צומאָרגנס פאַרנאַכט, ווען זי איז געשטאַנען און געאַרבעט אויפן גאָרטן האָט זי ווידער דערהערט אַ געזאַנג. זי איז אַרויסגעלאָפן צום וועג. מיט די סטעזשקעס הינטער די גערטנער זיינען די ווייבער געגאַנגען פון די נאָענטע פעלדער. זיי זיינען געגאַנגען אויף ביינאַכט אַהיים און האָבן געזונגען. צווישן זיי איז אויך געווען מישקעס מאַמע.

נאַדזשקע איז לאַנג געשטאַנען און געקוקט. צוריק צו דער שטוב איז זי געגאַנגען פאַמעלעך.

זיי זינגען — האָט זי געטראַכט — ביינאַכט װעלן פאָרן גרוזאָװיקעס מיט מאָביליזירטע, װעלן זיי װידער זינגען...

אין דער פרי, װען דער בריגאַדיר איז אַרומגעפאָרן רופן די באַבעס צו דער אַרבעט, איז נאַדזשקע שוין געװען װאַך. די קליינע זינקעלע איז נאָך געשמאַק געשלאָפן. נעבן איר אויף אַ טאַבורעט איז געלעגן װאָלאָדיעס הילצערנער פוס. ער אַליין האָט זיך געװאָרפן אויף זיין געלעגער.

נאַדזשקע האָט אים דערלאַנגט זיין מאַכאָרקע און ער האָט גענומען פאַררויכערן.

— װאָלאָדיע, איך װיל פאָרן אַרבעטן אין בריגאַדע — האָט זי שטיל געזאָגט.

ער האָט דערשאָטן דעם טאַבאַק, פאַרװיקלט דעם פאַפּיראָס און אויפגעהויבן די אויגן.

נאַדזשקע איז שוין געװען ביי דער טיר.

— איך װעל קענען... איך בין שוין אַ גרויסע! איך האָב שוין פופצן יאָר — האָט זי אויסגעשריען און אַרויסגעלאָפן צו װאַליען.

ביידע זיינען געקומען פון גאָרטן און אויפגעלייגט אַ פּעקעלע עסן. נאַדזשקע איז דורכגעגאַנגען די קיך. ביים בערגל, װאָס איז געלעגן אָנגעװאָרפן פון שטיקלעך ציגל און ליים נעבן צעבראָכענעם אויװן, איז זי געבליבן שטיין.

— דאָס איז אַלץ פון די גרוזאָװיקעס, װאָס פאָרן ביינאַכט דורכן טראַקט... די שטוב טרייסלט זיך... דאָס ליים שיט זיך... שוין באַלד דער גאַנצער אויװן איינגעפאַלן... — האָט זי טרויעריק אַ זאָג געטאָן און עם איבערגעשפּרונגען.

מיטן פּעקעלע אין איין האַנט, אין דער צװייטער איר אַלטע פופייקע איז זי אַרויסגעלאָפן פון שטוב. זי האָט אָנגעיאָגט דעם בריגאַדירס בריטשקע און מיט אים צום ערשטן מאָל אַװעק אין בריגאַדע.

זי איז אַװעק אַרבעטן און שלאָפן אין סטעפּ.

פרימאָרגן

קאַפּיטל צוויי

נאָך נעכטן אין אָוונט האָט דער בריגאַדיר צוגעזאָגט נאַדזשקען אָפּצולאָזן איר אין דאָרף אַריין. עס וועט אים שוין גאָרניט העלפן. דאָס מאָל מוז זי פאָרן.

זי קען שוין באַלד אין גאַנצן ניט רירן מיט דער האַנט. געוואָרן אָנגעשוואָלן ביזן עלנבויגן, אויפגעיוירן ווי אַ ראָשטשינע אין דייזשע.

אָט אַ זאַראַזע — טראַכט נאַדזשקע.

ביים אונטערבעטן די קי האָט זיך אַ קלעשטשעלע איר געזעצט אונטער דער פּאַכווע. איצט דערמאָנט זי זיך, אַז עפּעס האָט זי יאָ געהאַט דערפילט. אַפילו אָנגערירט עם מיטן האַנט און געמיינט אַ קליינער פּרישטשיק.

פון דאַן אָן איז דאָס קלעשטשל געוואַקסן, געזויגן איר בלוט. שוין אַ גרויסן ווי אַ באָב האָט זי אים אַראָפּגעריסן און אַ קראַץ געטאָן דעם אָרט.

צוליב דער קלייניקייט מוז זי איצט פאָרן אין באָלניצע. איז זי באַזאָרגט, עס זאָל נאָר ניט געפּטרט ווערן קיין סך צייט. ביי דער געלעגנהייט האָט נאַדזשקע פיל צו טאָן אין דאָרף: אויפקלייבן דאָס עסן פאַר די אַרבעטער, באַווייזן צוריקצוקומען אין דער צייט. און דער עיקר זי וויל זיך נאָך אַריינכאַפּן צו וואַליען.

האָט דאָס דער צוזאָג פון בריגאַדיר, דאָס מאָל, איר אַזוי געריפּעט, אַז זי האָט ניט געקענט איינשלאָפן: עס טרעפט אָפּט, אַז נאַדזשקע שלאָפט ניט אין די נעכט. אַ מאָל איז עס אַ פּלוצימדיקער אויפלויכטן פון אויטאָ־פאָ־

נאַרן, וואָס מאַכן אויפרייסן אירע אויגן פון שלאָף. אַ מאָל איז עס אַ געזאַנג, וואָס טראָגט זיך פאַרביי. זי וועקט זיך אויף און קען זיך קוים דערמאָנען, ווו זי געפינט זיך. דאָס געזאַנג האָט זי אַזוי דייטלעך געהערט.

זי גייט אַרויס, ס'איז שטיל. ליגט זיך אויפן גראָז און קוקט צו די שטערן, שפּיצט אָן איר געהער. עס איז שטיל, גאָר שטיל.

לאַנג בלייבט זי ניט ליגן אַליין. אָט איז פּאָריקע נאַכט אַרויסגעקומען וואַסקע. ער האָט זיך געלייגט נעבן איר. זיי זיינען ביידע געווען וואַך און איר איז גוט געווען מיט אים. זי האָט אַלץ פאַרגעסן. פּלוצלונג האָט זי ווידער דערפילט די שטילקייט. זאָל זיין, אַז וואַסקע איז איינגעשלאָפן?

— וואַסקע, האַ וואַסינקאַ, פאַרוואָס ביסטו ניט אויפן פראָנט?

— שלאָף, נאַדזש, ביסט אַ קינד. מען מוז דאָך אויפקלייבן ס'ברויט פון די פעלדער. שלאָף, טייבעלע, — רעדט ער, דרעמלענדיק.

נאַדזשקע קען אָבער ניט שלאָפן. זי טראַכט.

— וואַסקע, הערסט, וואַסיאַ, דאָרטן איז דיר ניט ווי דאָ. דאָרטן איז ערגער. ביסטו דאָס אויך אַנטלאָפן אַהער אין סטעפּ אַזוי ווי איך? האָסטו אויך מורא?

וואַסקע ענטפערט ניט. ער כראָפּעט שווער. זי ווייסט ניט, וואָס צו טאָן מיט איר אומרו. טוליעט זי זיך צו צו אים און שלאָפט איין, ביז מען וועקט זיי צו דער אַרבעט.

ביי טאָג אָבער האָט זי אים פיינט. אַלע מענער, וואָס זיינען דאָ, האָט זי פיינט. ווען זי זאָל ניט מורא האָבן, אַז מען וועט איר דערהרגענען, וואָלט זי אַוועק צוריק אין דאָרף און אין איינער אַ נאַכט אַרויפגעכאַפּט זיך אויף אַ גרוזאָוויק, וואָס פאָרט פאַרביי וואַליען און פירט רעקרוטן. אָבער זי האָט אַזוי מורא.

נעכטן ביינאַכט נאָך דער אַרבעט האָבן זיך די יונגוואַרג פאַרקליבן צו שלאָפן אין היי. עס איז געווען קיל און איצט האָט שטאַרק געפּאַרעט, ס'איז געוואָרן היים.

ווען זי האָט געעפנט די אויגן, זיינען דריי קליינע וועלפלעך אַדורכגעגאַנגען פאַרביי דער אָפענ'ער טיר און רואיק אַוועק אין דער ריכטונג פון וואַלד.

— זיי זיינען זאַט — האָט נאַדזשקע געמורמלט — אָט, סאָבאַקי, פילן זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

זי איז גלייך וואַך געוואָרן. נעבן איר איז געלעגן אָלאַ, דעם סעקרע־טאַרם טאָכטער. נאָך אַ יאָר און זי וועט שוין ענדיקן דעם צענטן קלאַס. זי איז אַ שיינע, אָלאַ. אַ קלייד טראָגט זי אַ קורצע. אויפגעניית ביי אַ שניי־דערין, וואָס מען האָט אַהער פאַרשיקט פון פוילן, לויט זייער מאָדע. מען זאָגט, אַז אָלאַ ליבט זיך מיטן דייטשישן לערער. ער איז שוין ניט יונג. האָט אַ ווייב מיט צוויי קינדער.

— נו יעוואָ, — מורמלט נאַדזשקע צו זיך — ער וואָלט שוין לאַנג געווען אויפן פראָנט, ווען ער איז ניט קיין דייטש.

אָלאַ האָט פאַרשלאָפן אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אָנגעקוקט נאַדזשקען און ווידער פאַרמאַכט די אויגן, זיך איינגענורעט אין היי. ווען אַלע שילער, וואָס זיינען ספּעציעל געקומען צו דער „כליעב־אובאָרקע" — אַראָפּנעמען דעם שניט פון די פעלדער, זיינען געזעסן ביים פייער און געזונגען, האָט זיך אָלאַ אומבאַמערקט אָפּגערוקט פון דער גרופּע און אַוועק צום וואַלד. געקומען איז זי שפּעט, האָט ניט געוואַגט צו גיין אויף איר אָרט שלאָפן און זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן נאַדזשקען ביים אַריינגאַנג. אַן אומצופרידענע האָט זיך נאַדזשקע געוואָרפן און געבורטשעט:

— עס האָט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער...

— שאַ, שאַ, נאַדזשקאַ — האָט אָלאַ זי איינגענומען, גערעדט צו איר ווייך, זי געגלעט ווי קיין מאָל ניט און געשעפּטשעט:

— שלאָף, ליבינקע, שלאָף, עס איז שפּעט, וועק ניט קיינעם.

איז זי טאַקע באַלד ווידער איינגעשלאָפן.

איצט נאָך פאַר טונקל האָט איר אויפגעוועקט די פרייד פון דאַרפן באַלד פאָרן אין דאָרף. כאָטש, וואָס אַן אמת, טוט נאָך שטאַרק וויי די האַנט.

אָלאַ זאָגט, אַז זי האָט ניט געדאַרפט אַ קראַץ טאָן מיטן שמוציקן פינגער.

אינטעליגענטע ריידעריי, טראַכט נאַדזשקע, ווען ניט דער קלעשטש. דער פּאַראַזיט, וואָלט גאָרניט געשען.

טאַטיאַנע, וואָס אַרבעט איצט ביי די שעפּסן, אויפן זעלבן פּלאַץ, ווו איר מאַמע האָט פריער געאַרבעט, זאָגט, אַז ס'איז גאָרניט. ביז דער חתונה וועט זיך עס פאַרהיילן. דער זאָג געפעלט נאַדזשקען. עס מאַכט איר לאַכן. אַ שמייכלענדיקע רוקט זי זיך אַרויס פון גרויסן היי־שייער.

דער סטעפּ ליגט נאָך אַ טונקעלער. באַלד וועט ער זיך צעשײַנען. בײַ זײַן ראַנד וועט געבוירן ווערן די זון. ליגט איצט די ערד אין דערוואַרטונג פֿול מיט ליבשאַפֿט צום הימל. עס איז אַזוי שטיל, אַז מען הערט, ווי אַלץ הילט זיך אין סוד פֿון באַשאַף.

דאָרט, ווו עס ענדיקט זיך דער רחבֿותדיקער סטעפּ, דאַרף זיך עס באַווײַזן. פֿון דער ערד וועט אַרויסוואַקסן אַ גאָלדענער בויגן, באַקרוינט מיט אַ קרענצל ווי די הייליקע מאָטערל, צאַריצאַ ניעביעסנאַיאַ. ער וועט זיך אַרײַנשנײַדן אין דער בלויקייט, שטײַגן אַלץ העכער, ווערן אַלץ גרעסער און פֿולער.

גאַדזשקע וועט זען, ווי אַ פֿאַרגאַנצטע, אַ קײַלעכדיקע, וועט זיך די זון אָפּרײַסן פֿון דער ערד. ערשט אין די הויכקייטן זיך ווײַזן מיט איר גאַנצער פּראַכט. זי וועט אַ ברי טאָן דעם סטעפּ, אַז פֿון דער פֿערלדיקער ראָסע וועט קיין סימן ניט בלײַבן.

דערווײַל איז דאָס גראָז נאַס, ווי נאָך אַ רעגן. עס קילט אין די באָרוועסע פֿיס, אַז אַ ציטער נעמט דורך אַלע גלידער.

גאַדזשקע איז אומגעדולדיק. זי שפּאַנט אײַן דעם בייק אין אַ וואָגן און פֿירט אים אַרויס. דער וואָגן גליטשט זיך איבערן גראָז ווי איבער פּלוש. מען הערט נאָר דאָס סאַפּען פֿון בייק. הינטער איר דערווײַטערט זיך דער שײַער.

— צאָב, רויטינקער, מיר פֿאָרן אין דאָרף! — זאָגט זי גלאַט אַזוי און הערט זיך צו צום אײַגענעם עכאָ. ער קומט פֿון זײַט, ווו עס איז דער וואַלד.

ער ליגט איצט אַ פֿינצטערער, אַ געהיימנישפֿולער. אויף די שפּיצן פֿון די ביימער וועקן זיך שוין די פֿייגל, רופֿן זיך איבער מיט אַ טשוויטשערײַ. צווישן זיי האָט אײנער זיך צעפּאַטשט מיט די פֿליגל, מען זעט אים ניט.

נעכטן בײַנאַכט איז דאָ געווען אָלאַ. אַליין איז זי אַוועק, געווען זיכער, אַז קיינער זעט ניט, ווי זי האָט זיך אָפּגעטיילט פֿון דער קאַמפּאַניע.

— זאָל זי מיינען, אַז איך בין נאָך אַ קליינע — טראַכט גאַדזשקע — איר אַרט ניט, אַז איך האָב עס געזען, זי מיינט, איך פֿאַרשטיי נאָך גאָרניט...

גאַדזשקע וואָלט אָבער נאָך זייער געוואָלט וויסן. איז זי אַוועק טיף אין וואַלד? און אפֿשר זײַנען זיי געלעגן דאָ נאָענט צווישן די הויכע גראָזן, צווישן די קוסטעס? די יונגע וועלפּעלעך, וואָס זי האָט הײַנט פֿאַרטאָג געזען, זײַנען אויך געגאַנגען אַהער. זיי באַהאַלטן זיך אויך דאָ ערגעץ.

— אָט סאָבאַקי, הינטישע לעבערס! — זאָגט זי, און ווייסט אַליין ניט געגנוי, וועמען זי מיינט. צי די וועלפעלעך, צי אָלען מיטן לערער, אָדער אַלע־מען צוזאַמען. זי פילט נאָר, אַז עס איז גוט צו טראַכטן פון זיי און ווייסט אַליין ניט פאַרוואָס.

דער וואַלד דערווייטערט זיך.

זי איז טאַקע אַ ביסל צו פרי אַרויסגעפאָרן. אין דאָרף וועלן נאָך אַלע שלאָפן בעת איר אָנקומען. נאַדזשקע טראַכט, אַז אַהיים האָט זי אין גאַנצן ניט נאָך וואָס צו גיין. די לעצטע וואָכן אַרבעט די מאַמע אויף די נאָענטע פעלדער, ביים דאָרף. ערשט נעכטן איז זי אַוועקגעפאָרן צו דער געזאַלצענער אָזיערע — עס וועט נעמען שײנע עטלעכע טעג, ביז זי וועט ברענגען דאָס זאַלץ. אין שטוב ווינען איצט די נייע שכנים. נאַדזשקע וועט דאָס מאָל גאָר ניט גיין אַהיים. זי וויל בלויז באַווייזן צו זיין ביי וואַליען. זי וועט שוין מיזן קריגן צייט דערויף. דעם גאַנצן דאָרף באַדאַי אויפוועקן פאַר פינצטער.

אַזוי נאָכגייענדיק ביים זייט, פאַרקלערט אין זיך, האָט זי פלוצלונג דער־זען די מיל. דאָס האַרץ האָט פריידיק געגומען קלאַפּן אין איר. דאָס איז זי שוין אין דאָרף, כאָטש עס איז נאָך דאָ שפּאָרע קילאָמעטערס צו פאָרן. ס'ערשטע מאָל, ווי זי קומט אַהיים צייט איר אַוועקגיין אין סטעפּ.

נאַדזשקע אַ פאַרקלערטע, האָט גאָרניט באַמערקט, ווען ס'האָט אין דאָרף אָנגעהויבן טאָגן. זעט אויס, אַז דער טאָג קומט גאָר פון דער זייט, הינטער זיך האָט זי נאָך איבערגעלאָזט די נאַכט.

אין דער גרויקייט שטייט אַן איינזאַמע די מיל אין מיטן סטעפּ, ווי זי וואָלט פון דער טיף, פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. אַלץ קומט פון דער ערד, טראַכט נאַדזשקע. אָט האָט אַרויסגעשפּראָצט איבער דער אויבער־פלאַך די מיל. צוויי גרויסע פליגלען וואַקסן אויף איר. נאַדזשקען דוכט, זיי זיינען טאַקע גרעסער געוואָרן, צייט זי האָט זיי ניט געזען. פּאַפּאָוו, דער אַלטער מילנער, שלאָפט נאָך זיכער אינגעוויניק. זי איינע איז בלויז וואַך, טראַכט זי מיט הנאה און פירט אַרויף דעם בייק אויפן וועג. דער וואָגן האָט זיך צעסקריפּעט.

— נו! שפּאַן גיכער! אייל זיך צו אַ ביסל, ביסט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער רעטעך!... מומינקע, טיאָטקע מאַרוסיע! האַ, מומינקע, שיקסטו עסן אין בריגאַדע? — האָט זי אויסגעשריען, צוקומענדיק צו דער ערשטער כאַטע.

אין אָפענעם פענצטערל האָט זיך באַוויזן מאַרוסיע. מיט האַלב פאַר־

מאַכטע אויגן האָט זי אונטערגעבונדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ און גערעדט פאַרשלאָפן:

— שוין, נאַדזש? — האָט זי ברייט געגענעצט — ביסט שוין דאָ? ווען ביסטו אַרויסגעפאָרן פון סטעפּ? נאַדזשקע סערדצע, איך טראָג שוין עפּעס אַרויס פאַר זאָיקען. פאָר פאַוואָלינקע, איך וועל דיר אָניאָגן. נאָר פאַרפאָר ניט זייער ווייט!

דער אַלטער גאַוורילע, וואָס האָט ניט לאַנג אָנגעהויבן צו אַרבעטן אין קאָלכאָז ביי די בייקן, איז געשטאַנען און געפלאָכטן דעם פּלויט אַרום זיין גאָרטן.

— גוט מאָרגן, דיעדושקאַ גאַווריל!

— גוט מאָרגן, נאַדזשקע! — האָט דער אַלטער געענטפערט, ניט אָפּרייסנדיק זיין בליק פון פּלויט — שוין? דו אַרבעטסט שוין אין בריגאַדע? אָד... אָד... אַזוי, אַזוי האָט געזאָגט דער אָרעמינקער... זיך צעוויינט און אַוועק אין קאָלכאָז... כע... כע... שטיי, נאַדזשקע, אייל ניט! לויף ניט אַוועק! — האָט ער נאָכגעשפּעט — הער, טאָכטער, וואָס אַן עלטערער רעדט, דו ביסט דאָך נאָך אַ צוציק!... פאַרגעס ניט צו ציילן דיינע „טרודאָני", מיט זיי וועסטו שמעלצן די קאַלטע קאַרטאָפּליעס, וואָס די מאַמע וועט דיר שיקן אין בריגאַדע!...

דער דיעדושקאַ האָט גערעדט אַזוי רואיק און גוטמוטיק, אַז נאַדזשקע איז גאָרניט בייז געוואָרן. זי האָט אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דעם בייק און מיטן טאָן פון אַ דערוואַקסענער זיך אָנגערופן:

— דיעדושקאַ גאַווריל, ביסט קאָנטיק גוט געשטימט. האָסט זיך געמאַכט אַ „וויכאָדנאָי"? יום־טוב היינט ביי דיר? אַרבעטסטו ניט אין סטעפּ?

— וואָס הייסט, איך אַרבעט ניט? איך פאָר באַלד אַוועק. זיך אויפגעהויבן פרי. נאָך פאַר פינצטער. מען מוז, פאַרשטייסטו מיך, דעם פּלויט פאַרפלעכטן. די ריטער טריקענען אויס, וועט מען ניט קענען. שוין עטלעכע מאָל מיט וואַסער זיי באַגאָסן. וויפל איז מעגלעך אָפּצולייגן? איך פאָר באַלד אַוועק אין סטעפּ. אַרבעטן דאַרף מען, מיין גאָלד! — ער האָט זיך פאַרקוקט אויפן זונאויפגאַנג, — שוין טאַקע שפּעט, ניטאָ שוין ווען עפּעס צו טאָן. — ער האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעקליבן די ריטלעך, גענומען דאָס העקל און אַזוי אַ געבויגענער געלאָזט זיך גיין דורכן הויפל צו דער כאַטע, רעדנדיק צו זיך אַליין:

— אַרבעטן דאַרף מען נאַדזשקע... מען דאַרף... ווער עס אַרבעט ניט, יענער עסט ניט... מיר מוזן גיין אין בריגאַדע אַרבעטן.

— עסן !... עסן ! עסן אין בריגאַדע ! ... האָט זיך נאַדזשקע צעשריען — איילט אייך, באַביאָשקעס, עס וועט שפּעט !

פּאָפּאָווע איז שוין געגאַנגען מיט אַן עמער פון ברונעם, געהערט דעם געשריי, האָט זי געלאָזט שטיין דאָס וואַסער אין מיטן הויף און גיך אַריין אין שטוב. די קורטשאַקעס, וואָס זיינען געזעסן אויף אַ ברעט אונטערן דעכל, זיינען אַראָפּגעשפּרונגען און אייגער נאָכן צווייטן געלאָפן צום עמער. אין אַ קרייז האָבן זיי זיך אַלע אַרויפגעשטעלט אויף זיין ראַנד, די קעפּלעך אַראָפּ־געלאָזט צום וואַסער און מיט הנאה געטרונקען.

— נאַדזשקא גאָלד — האָט זי אָנגעהויבן ריידן נאָך אויף איר הויפל און גאָרניט געלייגט קיין אַכט אויף די הענדלעך, וואָס זיינען דערשראָקענע זיך צעפלויגן אין אַלע זייטן — נאַדזשקא, פאַרבייט ניט דאָס עסן !... גע־דענק, דאָ ליגט פאַר מיין אַלטן אַ לעפּיאָשקע... — האָט זי נאָכאַנאַנד גע־רעדט מיט געבעט — זאָלסט אים געבן די לעפּיאָשקע, ליבינקע... זאָל ער עסן די לעפּיאָשקע, האַרציקע... אַ פרישינקע לעפּיאָשקע, דושינ...

פּאָפּאָווע האָט נאָך קאָנטיק געהאַט אַ סך צו זאָגן, זי איז אָבער גע־בליבן מיט אַן אָפן מויל און מיט אַ מינע פון אייגער, ווען מען לאָזט אַ וואָרט ניט אויסריידן.

ביעלאָגלאַזעווע האָט איר איבערגעשלאָגן אין מיטן. מיט דער אונטער־שטער ספּודניצע האָט זי זיך אַריינגעשטעלט אין אָפענעם הויפל, ביים טויערל און געשריען איבער דער גאַנצער גאַס. אַלע, וואָס האָבן זיך אָנגע־זאַמלט אַרום דעם וואָגן, האָבן זיך אָפּגעדרייט צו איר.

— נאַדזשקאַ ! האָט טאָנקע געשיקט די טאַרבעלעך ? איך האָב דאָך שוין ניט אין וואָס צו שיקן עסן ! גיט מען אייך דאָרטן ברויט ?

אַ צעטומלטע איז דאָס מיידל געשטאַנען אין מיטן גאַס, נעבן בייק. ניט געוווסט ווען פריער צו הערן. די באַבעס זיינען געגאַנגען פון די כאַטעס און פון אַלע זייטן געדעדט צו איר. יעדע האָט געהאַט, וואָס אָנצוזאָגן און געשריען האָבן אַלע צוזאַמען.

דערנעבן האָט גערעדט ביעלאָגלאַזעווע גלייך איר אין אויער אַריין :

— נאַדזשקע, הערסט ? זאָג וואַניען, ער זאָל מאָרגן זיין דאָ. איך הייץ די באָד, זאָל ער זיך קומען אויספּאַרען, פאַרגעס ניט !

— זע, נאַדזשאַ, דאָ האָסטו פאַר יאַנען אַ פולע פלאַש מילך, זיי פאַר־זיכטיק, צעברעך ניט!

— זע, ליבינקע, דאָ זיינען געקאָכטע קאַרטאָפליעס, ווען דו וועסט זיך אוועקזעצן אין וואָגן, זיי פאָרזיכטיק, צעקוועטש זיי ניט!

— איך זעץ זיך ניט — האָט נאַדזשקע געענטפערט מיט רוגזה, שוין אין גאַנצן צעטומלט פון די אַלע אָנזאָגן — מיין רויטינקן איז אַזוי אויך געגוג שווער. עס וועט באַלד ווערן יענע היץ...

אין פאַרלעגנהייט, מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי פאָרזיכטיק איינ־געלייגט די פעקעלעך, הערנדיק ווי די ווייבער ריידן צווישן זיך:

— קוק נאָר, זי אַרבעט שוין אין בריגאַדע.

— אַ גאַנצע כלה־מויד געוואָרן.

— זאָלן נאָר די חתנים קומען פון פראָנט.

נאַדזשקעס רויט אָפּגעברענט פּנים האָט זיך נאָך מער געררויטלט.

— צאָב — האָט זי אַ טרייב געטאָן דעם בייק — צאָב, האָסט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער רעטעך!

זי האָט זיך קוים אַרויסגעריסן פון דעם קרענצל. געהאַט נאָך די גאַנ־צע גאַס אַדורכצופאָרן, צו מיטאָג קומען צוריק אין בריגאַדע און איר האָט זיך זייער געוואָלט כאָטש אויף אַ ווייַלע אַריינכאַפּן צו וואַליען.

די האַנט האָט טאַקע זייער ווי געטאָן, אָבער דאָס וועט זי זען שפּע־טער. צוריקוועגס וועט זי אַריינגיין אין אַלניצע. מען קען נאָך באַווייזן.

נאַדזשקע האָט געצאַפּלט ביים געדאַנק, אַז זי וועט באַלד נעמען די קליינע זינקעלע אויף די הענט. — זי מוז שוין זיין אַ היפּשע — האָט זי געטראַכט.

— עסן!... עסן! עסן אין בריגאַדע! איילט אייך, מומינקעס, עס ווערט שפּעט!...

די זון האָט זיך צעברענט. שוין לאַנג ווי אַלע זיינען אויף געווען פון שלאָף.

נאַדזשקע האָט נאָך אַלץ געטריבן דעם בייק און אים נאָכגעגאַנגען. יעדעס מאָל זיך פאַרהאַלטן ביי אַן אַנדער כאַטע.

זי האָט שוין געזען אַלע אָנגעשטעלטע גיין צום „סיעל־סאָוויעט“ צו

דער אַרבעט· די גרוזשטשיקעס, וואָס לאָדן די ווייץ, זיינען שוין לאַנג אַוועק אויפֿן „זאַגאָט־זיערנאָ“· דער „סיעל־פּאָ“, דאָס איינציקע דאָרפֿס־געוועלב, איז געווען אָפֿן, געשטאַנען מיט ברייט־צעעפֿנטע טירן· אָבער מען האָט נישט געזען קיין מענטשן, נישט אינעווייניק, נישט אַרום· מען האָט דאָרט גאָר־ניט „געגעבן“·

עס איז געוואָרן אַלץ הייסער· נאַדזשקע האָט געפֿילט, אַז די היץ קומט ניט אין גאַנצן פֿון דער זון· די האַנט האָט געברענט, געצויגן פֿון ווייטיק· זי האָט שוין געהאַט פֿאַר אַלעמען אויפֿגעקליבן דאָס עסן, ווען זי איז גע־בליבן שטיין ביי דער גאַס, וווּ וואַליע האָט געוווינט·

פֿון איין זייט איז געשטאַנען די באַלניצע· פֿאַר דער טיר, עטלעכע פֿורלעך· קראַנקע קאָזאַקן זיינען געקומען פֿון די אַאולן צום פֿעלדשער· זי האָט פֿאַרקערעוועט צו וואַליען· אַ גלייכע און שמאָלע האָט זי געזען די גאַס אין דער גאַנצער לענג, אַזש ביז זי ענדיקט זיך און עס הויבט זיך אָן דער גרויסער טראַקט· מיט דער גאַס זיינען זיי ביינאַכט געפֿאָרן··· זיי האָבן גע־זונגען· אין דער פֿינצטער האָבן די אויטאָ־לאָמפּן אויפֿגעבליצט ווי די פֿייערן אויפֿן פּראָנט· נאַדזשקע ווייסט עס· איין מאָל האָט זי געהערט וואָלאָדיען דערציילן דעם דיעדושקע פּאַפּאָוו· עס ווערט ליכטיק, האָט ער געזאָגט, מען דערהערט אַ קנאַל און דער טויט טוט זיך אַ שאָט פֿון אַלע זייטן· ביי־נאַכט האָט זי עס געזען, פּונקט ווי זי וואָלט זיין דערביי· דערפֿאַר איז זי עס אַנטלאָפֿן אין סטעפּ אַריין, ווייט פֿון טראַקט און יעדן וועג· דאָרט איז שטיל· אויך אויף דער גאַס איז איצטער שטיל· זי ליגט אַ צעברענטע פֿון דער זון און פּוסט איז דאָ, מען זעט קיינעם ניט· בלויז ביים סאַמע ראָג, טאַקע נעבן וואַליעס שטוב, שטייט איר בהמה אַן איינגעשפּאַנטע אין וואָגן· פֿון ווייטן זעט זי אַרויסגיין וואָלאָדיען· ער לייגט אַרויף זיין קוליע, זעצט זיך אַוועק ביים ברעג· די קו טוט אַ צי פֿון אָרט און זיי לאָזן זיך אין וועג·

נאָך וואָס איז ער עס אַוועקגעפֿאָרן? — האָט נאַדזשקע געוואָלט זיך דערטראַכטן·

— צאָב! צאָבאַ! — האָט זי געשריען — גיי שוין גיכער!

ביז זי איז צוגעקומען צו דער באַטקע, איז שוין וואַליע געווען אויפֿן גאָרטן· די קאַרטאָפֿל זיינען געווען אַרומגעשאָטן· פֿרישע בערגלעך ערד האָבן אונטערגעהאַלטן יעדן קוסט· זי אַליין איז געשטאַנען פֿון הינטן מיט דער קאָפּאַטשקע אין האַנט·

זינקעלע האָט זיך געהאַלטן נעבן איר.

— שוין אַ היפּשינקע — האָט נאַדזשקע שטיל געזאָגט און אַ פרייד האָט אויפגעשיינט אויף איר פּנים.

אין גאַנצן שמוציק, איינגעשמירט אין „בזניק“, איז די קליינע אַרומ־געקראָכן, פאַרטשעפּעט זיך, געפאַלן און ווידער זיך אויפגעהויבן.

— זינקאַ! — האָט נאַדזשקע גערופן און פריידיק געלאָזט זיך לויפן. זי איז געשפּרונגען איבער די קוסטעס און גערופן:

— זין! זינקאַ! זינעטשקאַ!

אָן איבעררעשטע איז וואַליע געגאַנגען איר אַנטקעגן. זינקעלע איז גע־בליבן אויף איר אָרט. דאָס קליידעלע פאַרהויבן, דאָס גראָבע פינגערל פון דער צווייטער האַנט פאַררוקט טיף אין מויל.

— נאַדזשקע? ווען ביסטו געקומען? וואָס טוסטו דאָ? — האָט וואַליע געפרעגט.

— איך קלייב עסן פאַר די אַרבעטער. זיך אָפּגעכאַפּט אַ קוק טאָן. זע, וואַליע, קוק, ווי גרויס זי איז שוין!

נאַדזשקע איז צוגעלאָפן, אַ כאַפּ געטאָן זינקען אויף די הענט און שטאַרק זיך פאַרקרומט. דער ווייטיק אין האַנט האָט אַ דריק געטאָן ביים האַרץ. זי איז בלייך געוואָרן, אין אירע אויגן האָבן טרערן זיך צעגלאַנצט פאַר יסורים.

זינקעלע האָט געקוקט אַ צעטומלטע, די קליינע האָט אויסגעזען אַזוי פאַרוואונדערט, אַז עס איז שווער געווען צו וויסן, האָט זי דערקענט נאַדזש־קען, אָדער נישט.

וואַליע אָבער האָט גאָרנישט געקענט באַנעמען נאַדזשקעס פאַרקרימען זיך, געקוקט, ווי זי האָט גלייך זינקעלען צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און קוים געהערט איר אַרויספּליטערן:

— עס האָט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער רעטער.

— וואָס איז, נאַדזשקע? וואָס איז געשען?

— אַיוי, אַיוי, די האַנט. די האַנט טוט ווי! — האָט נאַדזשקע זיך פאַרענטפערט און פאַרהויבן דעם אַרבל צו ווייזן וואַליען. — איך בין גע קומען אין באָלניצע, האָב איך פריער געוואָלט זיין דאָ, זען זינקעלען.

— ביסטו נאָך ניט געווען ? — איז וואַליע געשטאַנען אַ דערשראָקענע, זעענדיק די געשווילעכץ אויף נאַדזשקעס האַנט.

— ניין, געמוזט אויפקלייבן דאָס עסן און געוואָלט זיך אַריינכאַפּן אייך זען — האָט זיך נאַדזשקע פאַרענטפערט.

— איז גיי גיכער. מען וועט דאָך באַלד פאַרמאַכן.

נאַדזשקע האָט זיך געכאַפּט, אַז עס איז שוין טאַקע זייער שפּעט. אַ פאַרשולדיקטע, האָט זי זיך פאַרנומען צו דער גאַס, וו עס איז געשטאַנען דער בייק און וואָגן.

— צאָב ! — האָט זי אַ טרייב געטאָן און אַוועק נאָך אים.

— נאַדזשקע ! — האָט וואַליע איר נאָכגעשריען — נאַדזש, וועסטו קומען פון באָלניצע אַהער ?

— ניין ! — האָט זי געענטפערט מיט אַ צעווייטיקט פּנים — איך קען ניט ! איך מוז פאָרן גלייך אין סטעפּ, די אַרבעטער זיינען דאָרט הונ־געריקע, וואַרטן אויפן עסן !

— צאָב ! פאָר גיכער ! — האָט זי געיאָגט דעם בייק צוריק דורך דער ליידיקער גאַס, — צאָב !... ביסט מיר שוין דערעסן ווי אַ שוואַרצער רעטעך !...

אין דער היים

קאַפּיטל דריי

דער אָוונט שאָטנט שוין איבערן שניי־פאַרהילטן דערפל. פון די דעכער און פּלויטן הענגען שנייאיקע צויטן. עס נעמט אַ ווייסער פראָסט.

נעבן אַגאַפיע סטעפּאַנאָווגעס כאַטע ליגט איר קודלאַטער הונט בורעס. די וואַרעמקייט, וואָס שלאָגט פון אים, באַדעקט זיין שוואַרצע פעל מיט אַ דינעם שיכט שניי. די פּאַרע, וואָס יאָגט אים פון מויל, פאַרפרירט און ציט זיך אין לאַנגע פעדים אַזש איבער זיינע אויגן. בורעק האָט פאַרלאָזט זיין בודע און טוליעט זיך צו דער טיר, שמעקט צו דער וואַרעמקייט פון שטוב.

אין דער אמתן איז שוין דאָרט אויסגעקילט. אויסגעהייצט האָט מען נאָך פאַרטאָג. אַגאַפיע טאַפּט דעם אויוון און זאָגט שטיל צו זיך:

— קאַלט, ווי ביי אַ טויטן דער קאָפּ.

זי כאַפּט אויף זיך דאָס פּעלצל, ברענגט אַריין פון הויף אַ זעקל קיזיאַקעס און לייגט עס אין אויוון טריקענען. נאָך דעם גייט זי אַרויס מיטן קאַראָמיסל נאָך צוויי עמערס וואַסער.

דער ברונעם אויפן הויף איז אין גאַנצן פאַרדעקט, מען זעט אים אַפילו ניט אַרויס. דער עמער איז געבליבן צוגעפרוירן צו דער ערד. אַ גלאַנציקער באַרג ציט זיך ווייט אַרום.

אַגאַפיעס טריט סקריפּען אין טרוקענעם שניי. זי קוקט אין אַלע זייטן, פאַרשטייט ניט וואָס עס וועט זיין אויף אַ ווינט. אַ רעזיגנירטע, אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, שפּאַנט זי צום אויסגעהאַקטן לאָך, וואָס איז ווייט, אַזש אויפן מיטן פון אָזיערע.

— אַ גוטן אָוונט, האַפּקע, גייסט זיך אַזוי און זעסט שוין גאָרניט קיין אייגענעם ?

— אַ גוטן אָוונט, גאַווריִלע, פֿאַרטראַכט זיך — פֿאַרענטפֿערט זיך אַגאַפּיע — איך זוך אַ ווינט אין פֿעלד...

— יאָ, יאָ, איך וואַרט אויך אויף אַ ווינט... עס איז שטיל... מען זעט ניט... — זאָגט גאַווריִלע מיושבדיק, פֿאַרקוקט אין דער הויך.

— הערסטו, גאַווריִלע ? האָסטו געזען נעכטן אויפֿגיין די לבנה ? זי האָט פֿאַרשפּרייט אַזעלכע פּיאָלעטע פֿאַרבן אונטער די וואָלקנס, אַז איך בין געווען זיכער, עס וועט זיין אַ זאַוויערוכע. אויך מיין הונט האָט קאָנטיק געפֿילט אַן ענדערונג אין וועטער. ער האָט געקוקט אַרויף און אָן אויפֿהער געבילט. נו, און גאָרניט.

אַ ווײַלע זיינען ביידע געשטאַנען שווייגנדיק.

— קוק, אַגאַפּיע ! — האָט גאַווריִלע זיך אָנגערופֿן הויך, ווייזנדיק מיטן פֿינגער — שטעל זיך דאָ, נעבן אַביסל, וו איך שטיי. דו זעסט, ווי די זון פֿאַרגייט הינטער דער צערקווע ? עס ווייזט באַשײַמפּערלעך אויף אַ ווינט...

— וואָס טויגן מיר די סימנים ? — האָט אַגאַפּיע דערווידערט — וואָס טויג עס מיר, אַז קיין ווינט זעט מען ניט ?

— דוכט זיך אַ קלייניקייט אַ ווינט, נו, און זוך אים, אַז דו דאַרפֿסט... ניטאָ. איך שטיי מיר, האַפּקע, אַזוי אויף מיין גאָרטן און קוק, ווי די זון פֿאַר־נעמט זיך הינטער דער צערקווע. רויט ווי פֿייער, נאַ, קוק ! שטעל זיך דאָ ! וו איך ! זעסט דעם צעבראָכענעם קרייץ ? דעם צעהאַקטן קופּאָל, די פֿענצ־טער פֿאַרקלאַפּטע מיט ברעטלעך, נו, קען עס גוט זיין ? אוי האָספּאָדי, האָס־פּאָדי, צעבראָכן ,צעהאַקט אונדזער הייליקייט און געמאַכט פֿון דעם אַ שפּייכ־לער, אָנגעלייגט דאָרט פֿול ווייץ... איז אַ וווּנדער, אַז דאָס ברויט פֿוילט, ווערט דאָרט צעפּאַרעט אינעווייניק און מיר, קאָלכאָזניקעס, זיינען הונגעריק ?

— אַרבעטסט טאַקע אין קאָלכאָז, גאַווריִלע ?

— וואָס דען ? איך אַרבעט. אַזוי לאַנג, עס האָט זיך געלאָזט, האָב איך געלעבט פֿון מיין באַלעבאַטישקייט. זיינען זיי געקומען אָפּשניידן דעם גאָרטן. ניט לאַנג צוריק ווען עס איז אַרוים דער געזעץ צו פֿאַרקלענערן די גערטנער ביי אַלע יעדנאָליטשניקעס, וואָס גייען ניט אין קאָלכאָז אַרבעטן. דאָס האַרץ האָט מיר פֿאַרשניטן. ווי גיט מען עס אַוועק דאָס פּיצל ערד

ביי דער כאַטע ? און ביי וואָס בלייבט מען ? בין איך אַוועק אין קאָלכאָז. איך אַרבעט איצטער ביי די בייקן אויף דער באַזע, אין סטעפּ.

— אַזוי גאָר, אַרבעטסטו אויך אין סטעפּ ? — האָט אַגאַפיע געזאָגט און זיך פאַרנומען אַוועקצוגיין. — מיין קליינע דאַרף טאַקע באַלד אָנפּאָרן.

זי האָט זיך דערמאָנט, אַז נאַדזשקע קומט באַלד אַהיים. האָט געווים זיך פאַרהאַלטן אויפן וועג, אַריינגעכאַפּט זיך אין וואַלד אָפּהאַקן עטלעכע ביימלעך. זי וועט פאַראיינוועגס ברענגען אַ ביסל האָלץ. מען דאַרף צוגרייטן עפּעס עסן פאַר איר. נאָך בייטאָג האָט אַגאַפיע אַריינגעשטעלט אין אויוון אַ ביסל וווייץ צום טריקענען. איצט דאַרף מען זיי אָפּשפּריצן מיט וואַסער און שטויסן אין סטופּע. זי וועט עס איבערזיפּן און אָפּקאָכן אַ ביסל קאַשע. זאָל זיך נאַדזשקע דערוואַרעמען. קיין ברויט איז סיי ווי ניטאָ. ניטאָ ווו צו מאָלן. ס'איז שטיל, מען זעט ניט קיין ווינט. — האָט אַגאַפיע געטראַכט. גאַוורילע האָט אַ ווייַלע געשוויגן, נאָך דעם זיך אָפּגערופן.

— שטיי, האַפּקע, דו גייסט שוין אַוועק ? איך קלייב זיך אַלץ מיט דיר אַ רעד צו טאָן ?

— וואָס איז דען ?

— וואָס איז פרעגסטו ? וואָלסט געדאַרפט אַ ביסל אַכטונג געבן אויף דיין נאַדזשקען. זי בושעוועט אַרום אין בריגאַדע, שלאָפט מיט אַלע מאַנצבילן.

אַגאַפיען האָט אָפּגעגאָסן אַ קאַלטער שוויים. דאָס בלוט האָט איר אַ זעץ געטאָן אין פּנים. אָן אַ וואָרט האָט זי אַראָפּגעלאָזט די אויגן.

גאַווריליע האָט באַמערקט איר פאַרדרוס און זיך פאַרענטפערט.

— פאַרשטיי, אַגאַפיע סטעפּאַנאָוונע — האָט ער גענומען רעדן ווייכער — מיר זיינען שוין ביידע ניט קיין קינדער. איך בין דיר אַ גוטער פריינד און מיין ניט, גאָט באַהיט, דיר ווי טאָן. זי וועט דיר אָבער אָנמאַכן קלאַפּאָטן. עס איז אַ שאָד די מויד. זי איז אַ געראָטענע, נאַדזשקע. און חוץ דעם, וואָס איז עס טאַקע פאַרא פירעכץ ? ווי פּאַסט עס ?... אַ הייסע בלוט, בושעוועט עס... — האָט ער שטיל געזאָגט נאָך אַ ווייַלע שווייגן — אַד די בריגאַדע... די בריגאַדע...

אַגאַפיע האָט שוין דעם קאָפּ ניט אויפגעהויבן.

— אַ דאַנק, גאַווריליע, — האָט זי שטיל געזאָגט — גוט וואָס דו האָסט מיר דערציילט. איך וועל אַכטונג געבן.

פאַמעלעך איז זי אַוועק. זי האָט מער ניט געקענט בלייבן געבן אים. אַ מיידלשע שעמעוודיקייט האָט זיך צעליגט אויף איר אַלט, צעקנייטשט פּנים.

צוריק אַהיים איז שוין אַגאַפּיע געלאָפן. זי האָט אַריינגעלייגט שטיקלעך אייז אין די עמערס, דאָס וואַסער זאָל ניט אַרויסשפּריצן און געיאָגט מיטן גאַנצן אימפּעט. עס האָט געברויזט אין איר.

צו גאַוורילען האָט זי גאָרניט געקענט האָבן. ער איז אַ גוטער פריינדקיין ליגן וועט ער אויך ניט זאָגן. זיי קענען זיך נאָך פון קינדווייז אָן. איצט איז ער שוין אַ זיידע. אויך זי, אַגאַפּיע האָט שוין אייניקלעך. גאַדזשקע איז נאָך טאַקע יונג, האָט קוים פופצן יאָר. אַגאַפּיע האָט זי געבוירן גאַנץ לאַנג נאָך איר מאַנס טויט... אָבער דאָס איז שוין אַ פאַרגעסענע זאַך. עס איז שוין אויך לאַנג פאַרגעסן געוואָרן, אַז איר מאַן וואַסיל האָט איר אָנגעבראָכן די ביינער, ווען ער האָט זי געטראָפן מיט אים טאַקע, מיט גאַוורילען אין די בעבלעך אויף זייער גאָרטן. אַך, האָט ער זי דאַן געשלאָגן. אַגאַפּיע האָט געשריגן פאַר ווייטיק. זי האָט געמיינט, אַז ער דערהרגעט זי אויף טויט. פון דאַן אָן איז זי טאַקע שוין מערער ניט געגאַנגען.

איצט דוכט זיך איר, אַז אויך ער, גאַוורילע, האָט זיך דאָס זעלבע דערמאָנט. און די חרפּה שטייגט אין איר צוזאַמען מיט אַ פּייגלעכן פאַרדרוס אויף גאַדזשקען.

— אָט אַ זינדיקע — בורטשעט זי, אַראָפּלאָזנדיק די עמערס.

אין שטוב איז פינצטער און קאַלט. קיינער ניטאָ. סטעראַ, איר שכנטע מיטן קינד זייַנען געווים געבליבן זיצן ביי קורילקען נעבן וואַרעמען אויוון. עס האָט אַגאַפּיען אין גאַנצן אָפּגענומען דער חשק עפּעס צו טאָן, אַפילו אָנצינדן דאָס קורניקל. אין דער פינצטער איז זי אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון.

ליגט זי און דער פאַרדרוס קאָכט אין איר ביז ווייטיק... מיט אַ מאָל דערהערן זיך טריט סקריפּען אין שניי, אַ קלאַפּעריי, אַ טרעשטשען ביים טויער.

— מאַם! האַ, מאַם! דו שלאָפסט? וואָס איז פינצטער? איז קיינער ניטאָ?

אַגאַפּיע ענטפערט ניט.

גאַדזשקע הערט אויף שרייען. זי בינדט צו דעם בייק צום פּלויט און קומט אַריין אין שטוב. זי איז אין גאַנצן פאַרפרוירן פון וועג.

אַגאַפּיע קען ניט איינליגן. אַראָפּגעשלעפּט זיך פון אויוון, ציגדט זי אָן דעם קורניקל. ביים שיין פון קליינעם פלעמל קוקט זי פון דער זייט, ווי די טאָכטער זיצט אַ רויטע פון פראָסט. אַ לעבעדיקייט שפּראָצט פון איר יונגן, פעסטן קערפּער, פון אירע גלאַנציקע אויגן. די חרפּה, וואָס אַגאַפּיע איז נאָר וואָס אויסגעשטאַנען, טוט איר אויפסניי אַ זעץ אין האַרץ.

— זאָג מיר נאָר, בליאַד, אויסוואורף — זאָגט זי, אָפּשאַרנדיק דאָס פאַרברענטע קויל פון קנייטל — וואָס בושעוועסטו אַרום מיט די מאַנצ־בילן ?

נאַדזשקע שפּרינגט אויף ווי פון אַ ביס.

— וואָס האָט זיך דיר געחלומט אויפן אויוון ? וואָס באַלבעסטו מיט דער צונג ?

אַגאַפּיע טוט אַפילו ניט אַ קוק אין איר זייט. זי פּאָרעט זיך אין ווינקל, געפינט אַ גראָבע צונויפגעדרייטע שטריק, גייט פּאַמעלעך צו איר און הויבט פלוצלונג אָן שלאָגן.

— דו צעבאַלעוועטע מויד, וואָס דו ביסט ? דו וועסט אָנמאַכן דער מאַמען אַזעלכע חרפּות אויף די אַלטע יאָרן ? !

— הער אויף שלאָגן ! הער אויף ! — שרייט נאַדזשקע ווילד און רייסט אַרויס די שטריק פון דער מאַמעס הענט.

נאָך מער אויפגערייצט כאַפּט אַגאַפּיע נאַדזשקען ביי די האָר און רייסט מיט אַלע כוחות.

— לאָז אָפּ ! — קלאַמערן זיך דער מיידלס קרעפטיקע הענט אין דער מאַמען. — וועסט באַלד ערגער מאַכן ! ביסט פון זינען אַראָפּ ? !

— בליאַד ! אויסוואורף ! — שרייט אַגאַפּיע אַ פאַרסאַפּעטע, פאַלט ווידער צו צום מיידל און זעצט מיט די פויסטן, וו זי טרעפט. נאַדזשקע רייסט זיך אַרויס און לויפט אַוועק אין דער קאַלטער קיך.

אַגאַפּיע בלייבט זיצן אַ מידע. זי הערט דאָס קלאַפּן פון איר איינן האַרץ. די כוחות פאַרלאָזן איר אין גאַנצן. דער כעס לעשט זיך, עס מינטערן איר אָבער די געשרייען, וואָס קומען פון יענער זייט טיר.

— וואַרט, אַלטע, וועסט שוין אַליין גיין אַרבעטן אין בריגאַדע. וועסט שוין ניט זיין קיין קאָלכאָזניצע און ליגן ביי זיך אויפן אויוון !

נאַדזשקע שרייט און הייסע טרערן קייקלען זיך איבער אירע געפרוירענע באַקן.

— איך וועל שוין מער ניט גיין צו דער אַרבעט. זאָל מען מיך אַרעסטירן! זאָל מען מיך פאַרשיקן אין „טרוד־אַרמיע“! מיר איז שוין אַלץ איינס!... אַלץ איינס!...

זי שטייט אין דער פינצטערער, קאַלטער קיך און זידלט צו דער פאַרמאַכטער טיר, וואָס טיילט זי אָפּ פון דער מאַמען. מיט אַ מאָל טוט זי אַ קלאַפּ מיט דער גאַסטיר און לויפט אַרויס.

דאָס האָט זי זיך דערמאָנט אָן בייק, וואָס שטייט אַ דערפרוירענער אויפן הויף. אָפּגעפירט דעם בייק צו דער באַזע, איז זי צוריקגעקומען, אָן אַ וואָרט אַרויף אויפן אויוון. לאַנג האָט זי זיך ניט געקענט באַרואיקן. עס האָט אין איר געברויזט דער כעס אויף דער מאַמען, אויף דער גאַנצער פאַרשאָלטענער וועלט און אויף זיך אַליין. נאָך וואָס בין איך געלאָפן אין בריגאַדע? — האָט זי זיך אַליין געפרעגט.

ביסלעכווייז האָבן זיך אירע גלידער דערוואַרעמט, דאָס שטעכן האָט אויפגעהערט. איר איז געוואָרן אַזוי גוט, ווי זי וואָלט געלעגן ביי וואַליען אויפן אויוון. זי דערהערט ווידער אַ געזאַנג... מאָדנע. זי האָט גאָרניט מורא... דאָס פאָרן דאָך יונגע כלאָפּצעס פאַרטרייבן די פאַרשאָלטענע דייטשן... נאַדזשקע יאָגט זיי נאָך. דאָס לויפן איז איר שווער... זי שלעפּט נאָך זיך דעם בייק פאַרן שטריקל. קוים מיט מאַטערניש זיך אַרויפבאַקומען. זיי פאָרן שוין אין גרוזאָוויק מיטן טראַקט. עס איז איר גוט. זי קוקט נאָכאַנאַנד צו וואַליעס כאַטקע, כאָטש נאָך איין קוק געבן אויף זינקעלען. מען זעט איר ניט... דער גרוזאָוויק פאָרט שנעל, נאָך אים אַ צווייטער, אַ דריטער, עס ענדיקט זיך גאָרניט די ריי פון די לאַסט־אויטאָס... דער בייק שטייט נעבן איר און קוקט מיט אַזוי פיל צער אין זיין שטומען בליק, ווי מען וואָלט אים געפירט אין בוינע. זיינע אויגן זיינען אים פאַרלאָפן מיט טרערן. ער וויינט ווי אַ מענטש, אַז עס דריקט איר ביים האַרצן. פאַר האַרצווייטיק וועקט זי זיך אויף. די מאַמע ליגט אויפן אויוון, שלאָפט און פילט ניט, ווי זי דריקט אויף איר. נאַדזשקע רוקט זיך אָפּ, דרייט זיך איבער אויפן אַנדערן זייט און אָפּטעמענדיק פרייער, שלאָפט זי ווידער איין.

אַ גאַנצע נאַכט האָט אַגאַפיע געקרעכצט. עס האָבן איר געבראָכן די ביינער. דער קאַלטער אויוון האָט איר אויסגעוויזן האַרטער ווי שטענדיק. ס'איז נאָך געווען פינצטער, ווען זי איז שוין אַראָפּגעקראָכן, אויפגעליינט

פֿייער. זי דאַרף נאָך צוגרייטן עטלעכע וואַרעניקעס אָפּצוקאָכן פֿאַר נאַדזשקען. זי וויל עס נאָך באַווייזן, איידער דאָס מיידל וועט אָפּפֿאָרן אין סטעפּ.

איבער נאַכט האָט זיך אַגאַפֿיעס כעס אויסגעוועפּט. אַ רחמנות אויף דער טאָכטער... קלעמט איר דאָס האַרץ, אַז זי וואָלט זיך אַליין עפּעס שלעכטס געטאָן.

— אַזאַ ביטערע קעלט, דאַרף דאָס קינד פֿירן אין סטעפּ. אוי האָספּאָדי, האָספּאָדי, ווי לאַנג וועסטו נאָך אונדז אַזוי מוטשען?

אַגאַפֿיע רעדט און קוקט צו איר שכנטע סטעראַ, וואָס זי האָט נאָר וואָס אויפֿגעוועקט פֿון שלאָף. זי זעט בפֿירוש, אַז איר גאַנצער האַרץ־ווייטיק גייט יענער גאָרניט אָן.

אסתר זיצט אַ פֿאַרשלאָפֿענע, האַלט אַ קאַרטאָפֿל אין דער פֿאַרפֿרוירענער האַנט צום שיילן. זי איילט זיך צו, וויל באַווייזן אָפּצוקאָכן, איידער דאָס פֿייער אין אויוון גייט אויס.

אין קיך איז פֿינצטער. קיין פֿלאַם אין אויוון זעט מען ניט. עס טליען בלויז די טונקעלע קוילן פֿון די אויסגעברענטע קיזיאַקעס. זי ווייס ניט, וואָס האָט זי זיך אַזוי געאיילט די באַלעבאָסטע, וואָס איז זי היינט אויפֿגעשטאַנען אַזוי פֿרי און וואָס גייט זי אַרום איבער דער קיך און בורטשעט אַן אומצופֿרידענע.

אסתר איילט זיך. די קאַרטאָפֿל ציטערן אין אירע הענט. איינס נאָכן צווייטן פֿאַלן זיי אויף דער ערד און זי זוכט זיי אין דער פֿינצטער.

— סטעראַ, וואָס דרייסטו זיך דאָ אַרום אַזוי ווי אַ הילצערנע? אָט אַן אָנשיקעניש! שטעל צו די פּאָר קאַרטאָפֿל און הער מיר אויף צו דעריסן! עס איז דאָך פּשוט ניט אויסצוהאַלטן!

אסתר איז וואַך געוואָרן. כאָטש זי האָט גוט געקענט אַגאַפֿיען, אַז גלאַט אַזוי, פֿאַר גאָרניט האָט זי פּלוצלונג געקענט זידלען, האָט איר אָבער דער ברוך הבא אויפֿן ניכטערן פֿרימאָרגן אין גאַנצן צעמישט. ווי מען וואָלט איר פּלוצלונג געגעבן אַ גאָס אָפּ, האָט זי אָנגעקוקט אַגאַפֿיען, געזוכט אַרום זיך. געוואָלט דערזען איר חטא און אַרויסגעפּלאַצט מיט פֿאַרדרוס:

— וואָס איז, כאַזאַיקע? וואָס האָב איך דיר געטאָן, וואָס דו שרייסט אַזוי? — איז זי געבליבן שטיין אַנטקעגן און געקוקט איר אין פּנים אַריין מיט כעס.

— וואָס קוקסטו ווי אַ לײמענע? האָסט מיר גאָרניט געטאָן! טאַפּטשעסט אַרום ווי אַ בלינדער פֿערד פֿאַר מיינע פֿינצטערע אויגן!

אסתר האָט אַ הויב געטאָן די ניט־דערשיילטע קאַרטאָפל, אַ לייג געטאָן אויפן טיש און אַרויס פון קיך.

אַ בייזע האָט אַגאַפיע זיך געפּאָרעט ביים אויוון און נאָכאַנאַנד געבורטשעט:

— אַזאַ קעלט... אַזאַ קעלט... פרירט אין סטעפּ... אוי, האַספּאָדי, האָספּאָדי, ווי לאַנג וועסטו אונדז נאָך שטראָפן?......

עס האָט שוין געגרויט, ערגעץ ווו האָבן העגער געקרייט. קוים מען האָט זיי געהערט.

נאַדזשקע האָט זיך נאָכאַנאַנד געריסן פון שלאָף. אָט הערט זי דער מאַמען וואָרטשען אין קיך און וויל ניט אַראָפּקריכן פון אויוון. ניט געדאַרפט קומען, טראַכט זי און טוט האַסטיק אַ שפּרונג אַראָפּ.

— צייט אין סטעפּ, — זאָגט זי שטיל צו זיך אַליין.

גיך קעמט זי די האָר. מאַכט גלייך אויף זיך דאָס קליידל, און ווען זי איז געשלאָפן און טוט אָן די פּופּייקע. זי וואַרפט נאָך אַ בליק צו דער טאָרבעלע עסן, וואָס ליגט פאַר איר צוגעגרייט אויפן טיש. לאָזט עס ליגן, גייט אַרויס און פאַרקלאַפּט נאָך זיך די טיר אָן אַ גוטן טאָג.

— אַקאַיאַנאַ! — שרייט איר אַגאַפיע נאָך — איך וועל דיין צעיושעט בלוט אָפּקילן! איך וועל דיר דיינע געגנג אַרויסשלאָגן! אַ מענטש וועסטו מיר זיין אַזוי ווי דיין מאַמע.

זי שרייט אַלץ העכער, וויל אירע געשרייען זאָלן גרייכן צו דער טאָכטער. זיי זאָלן זי פאַרהאַלטן. עס איז איר מיט אַ מאָל אַזוי לייִדיק געוואָרן, כאָטש שריי צו די ווענט.

זי האָט פאַרבונדן דאָס טיכל אויפן קאָפּ און אַ טרויעריק־פאַרטראַכטע געבליבן זיצן אַליין אין קיך ביים פאַרמאַכטן אויוון.

— אַ רחמנות דאָס מיידל... ווען זי אַגאַפיע איז געווען אין אירע יאָרן, טראַכט זי, איז פּאָרט אַנדערש געווען. זעכצן יאָר, יאָ, זעכצן יאָר איז זי אַלט געווען. זי האָט געדינט ביים פּריץ, ווען איר וואַסיל איז אָנגעקומען אַלס פּאַראָבעק. אין אַ יאָר אַרום האָבן זיי שוין בײדע חתונה געהאַט. אַנדערע צייטן געווען. ריזיקע סטאַדעס האָבן זיך געפּאַשעט אין די סטעפּעס... טאַבונען פערד האָט ער געהאַט, דער פּריץ. אויף ווינטער פלעגט מען זיי פאַרטרייבן אין די שטאַלן. ווער האָט געוווסט זייער צאָל? ווער האָט זיי געציילט?

פאַר חגא האָט יעדער פּאַראָבעק געפונען אַ געשאָכטענעם שעפּס געבן זיין מיר. זאַטע יאָרן געווען.

שפּעטער די רעוואָלוציע. געשלעגן. איר וואַסיל איז אַ גאַנצער נאַטשאַלניק געוואָרן. ער האָט עס גאַנץ גלייך פאַרשטאַנען: דער פּריץ האָט אַזוי פיל און מיר גאָרניט. די סטעפּעס געהערן אונדז אַלעמען. דאָס ברויט זייען מיר. די שאָף און רינדער פיטערן מיר, דאַרפן מיר זיין די באַלעבאַטים.

אַגאַפיע דערמאָנט זיך איר וואַסילס רייד און אַ ביטערער שמייכל קרימט אוים איר פּנים.

— אונדזער קאָלכאָז, אונדזער ביטערע דאָליע. — רעדט זי שטילערהייט צו זיך אַליין. — אויסגעגליכט. שוין גוט. אַלע האָבן גאָרניט. ניטאָ קיין ריזיקע טשערעדעס. ניטאָ די טאַבונען פערד, וואָס פלעגן פול מאַכן די סטעפּעס. אָרעמע בהמה, אויף דיר נעבעך פאָרט מען, נאָכדעם, ווי מען ציט דיר גוט דיין מילך פון אייטער. אָרעמע בהמות, אָרעמע... — האָט אַגאַפיע געמורמלט. ביז זי האָט ווידער געכאַפּט דעם פאָדעם פון אירע געדאַנקען:

— אפילו דאָס פלעשל בראָנפן, וואָס מען קריגט מיט צרות אין „סיעלפאָ", טאָר מען ניט טרינקען. מען מוז עס האָבן אויסצובייטן ביי אַ נאַטשאַלניק אויף אַ געגנבעטן פוד ברויט. אָט אַ לעבן...

אַ גאַנצן טאָג קען זיך אַגאַפיע ניט געפינען קיין אָרט. נאָר זי קוקט צום דרויסן. און פון די פאַרפרוירענע שייבלעך, פאַלט איר בליק אויפן פּעקעלע עסן, וואָס ליגט אויפן טיש.

— ניט גענומען, פאַרוועקגעפאָרן אַ הונגעריקע!

זי טוט אָן דאָס פעלצל און גייט אַרויס אין דרויסן. שטייט, קוקט צום פאַרשנייטן וועג, וואָס פירט צו דער באַזע אין סטעפּ און קערט זיך צוריק. קומט אַ דערפרוירענע, מיטשלעפּנדיק נאָך זיך כוואַליעס קעלט אין שטוב אַריין. ענדלעך נעמט זי אַרויס די שפּינראָד און זעצט זיך אַוועק נעבן איר.

— מען דאַרף אויסשפּינען די וואָל פון הונט און מאַכן אַ פּאָר וואַרעמע הענטשקעס פאַר גאַדזשקען. עס איז קאַלט. זי פרירט, דאָס מיידל...

אויף דער מיל

קאַפּיטל פיר

דער טונקעלער אָוונט איז צעלייגט איבער דער ווייסקייט· נעמט אַרום דאָס דאָרף· ווייט, ווו דאָס אויג קען נאָר גרייכן, האָט זיך האַסטיק אַרויפגעוואָרפן דער ווינט· מיט אימפּעט הויבט ער די שנייען אין דער לופטן, טראָגט זיי פאָרויס און פאַרווישט יעדן שפּור פון וועג· ווי כוואַליעס אויף אַ צעשטורעמטן ים, טראָגן זיך קופעס שניי, קוילערן זיך איבער דער אויבערפלאַך· מיט אַ ווילדער דרייעניש פאַלן זיי צו ביז די ווענט פון די כאַטקעס און פאַרשיטן זיי הויך, איבער די דעכלעך· דער בוראַן כאַפּט אונטער די בערג שניי און טראָגט זיי העכער, העט־ווייט אין אָפענעם סטעפּ אַרויס·

אונטער די בערג בלייבן שטילע, איינגעטוליעטע די כאַטקעס אָן אַ צוטריט צו זיי, פאַרשאָטן די טירן, די פענצטערלעך· יעדעס כאַטקעלע אַ באַזונדער וועלטל פאַר זיך·

אסתר גייט גיך, געטריבן פון איין פאַרלאַנג — שוין זיין אויפן אָרט· די ווינט־מיל איז אָבער ווייט הינטערן דאָרף· אויף אַ קליינעם היגל· דאָרט ווו די ווינטן יאָגן פריי·

זי איז איינע אַליין אין צעשטורעמטן סטעפּ· מיט אַמאָל דערהערט זי טריט הינטער זיך· פאַרלאַנגזאַמערט זי איר טראָט· אויך די טריט הינטער איר ווערן לאַנגזאַמער· דער נאָכגייער דערנענטערט זיך ניט·

זאָל מען גיין, טראַכט אסתר און וויל באַהערשן די שרעק אין זיך· — שרעקן זיך פאַר אַ מענטש? אַ חרפּה! — נעמט זי זיך איין, ווי זי וואָלט גערעדט צו איר טעכטערל· — עס גייט אַ מענטש אויף דער מיל·

אַ מענטש ווי דו. ער וויל אָפּמאָלן ווייץ אויף דער מיל. גיין, ניטאָ זיך וואָס צו שרעקן.

זי וויל ניט נאָכגעבן איר שוואַכקייט. אַפילו ניט אומדרייען זיך אַ קוק טאָן, ווער עס גייט. וואָס איז איר דער אונטערשייד? — זאָגט זי זיך. דאָך פאַרשנעלערט זי דעם טראָט. „איך מוז זיך דאָך איילן... פאַרעדט זי זיך אַליין — איך מוז דאָך גיכער זיין אויף דער מיל"... זי איז אָנגעשפּיצט זי הערט בפירוש, אַז אויך דער נאָכגייער גאָך איר פאַרשנעלערט דעם טראָט...

עס ווערט איר היים. זי שטעלט זיך אָפּ. זוכט כלומרשט דעם וועג. אויך דער נאָכגייער שטעלט זיך אָפּ... די שרעק וואַקסט אין איר: וויעזן עס נאָר ווינטן? הערט זי ניט קיין געלויף נאָך איר? גאָר נאָענט, האַרט נעבן זיך הערט זי דאָך טריט!

אין גאַנצן ניט הערשנדיק איבער זיך טוט זי זיך אַ דריי אוים אויף צוריק. דער רוים איז געדיכט פון צעבלאָזענעם שניי, מען זעט אָבער ניט קיין לעבעדיקן נפש. אַ גרויע דרייעניש נאָך איר פּונקט ווי פאַר איר. קיין סימן פון קיין נאָכגייער. בלויז שניי. אַרום און אַרום שניי.

זי פאַרנעמט זיך ווידער איר וועג. אין דער גרויקייט פאַר איר זעט זי דאָס באַוועגן פון טונקעלע פלעקן אין דער הויך. דאָס דרייען די פליגלען פון מיל. זי הערט נאָך אַלץ די טריט הינטער זיך. מיט דער נאָנטקייט פון מיל ווערט איר היימישער. זי דערפילט אַ דערלייכטערונג און טראַכט רו־איקער. איצט פאַרשטייט זי שוין. אַ האַרטער, אַ פאַרפרוירענער, קלאַפּט דאָס איר פּעלץ אין די ווילאַקעס נאָך יעדן טראָט, וואָס זי גיט.

איצט דערפילט זי די קעלט. איר וואַרעמער אָטעם האָט איבערגעלאָזט פול אייז אופן טיכל אַרום האַלדז.

די פליגלען איבערן מיל ווערן דייטלעך, מען זעט זיי שוין אין דער גאַנ־צער גרויס. מיט געדויש שניידן זיי די לופט.

אסתר קלאַפּט אָן. אין טיר ווייזט זיך דער אַלטיטשקער פּאָפּאָוו.

— מאָלאָדיעץ, סטעראַ, אַזאַ ווינט, אַזאַ דרייעניש! האָסט זיך דאָך דערקליבן.

פּאָפּאָוו לאָזט איר אַריין אין מיל און פאַרריגלט דעם טויער נאָך זיך.

דעם מילנערס קליין חדרל איז אָנגעפּאַקט מיט וואַרטנדיקע. אסתר עפנט דאָס טירל. אַ געלער פאַס שיין פאַלט אַריין אינעווייניק. עס טוט

אַ שלאָג מיט געדיכטן רויך פון מאַכאָרקע, וואָס פּילט אויס דאָס גאַנצע חדרל פון אונטן ביזן גידעריקן באַלקן.

— ווען נאָך האָט דער ווינט געבראַכט ? — רופט עמעץ פון אַ ווינקל.

— אַ פאַרשאָטענעם מיט שניי, מען זעט ניט קיין פּנים פון קיין מענטש.

— דאַן לאָמיר הערן אַ קול, דערציייל אונדז, וואָס זאָגט דער ווינט ?

— ער האָט דיר געלאָזט גריסן. — מישט זיך אַריין מאַרוסיע — אַ מענטש איז אַריינגעפאַלן אַ דערפרוירענער און דיר שטופּט דער נאַר צו לאַכן.

— אַ גוטן אָוונט ! — האָט אסתר אויסגערופן, אויסטוענדיק דעם שאַל פון זיך — אייך איז קאַנטיק לאַנגווייליק.

אָנגעשטרענגט האָט זי געקוקט צום דיל, ווו אַלע זיינען געזעסן.

— אָ, דאָס איז סטערא — האָט אַגאַפיע זיך אָפּגערופן, זי האָט דער־קענט איר קול — קום אַריין. נאָר פּאָרזיכטיק, טרעט ניט קיינעם אויף די פיס. מיר ליגן דאָ ווי הערינג אין אַ פעסל.

— ווער זיצט עס דאָרט נעבן ? ענטער ? באַיאַן ? גישקשה, קענסט גיין דרייסט. ער איז האַרט ווי אַ שטיין. אַז ער זאָל דערפילן, דאַרף מען אָנ־טרעטן אַזוי...

— כאַפּ ניט קיין פיש אין מוטנע וואַסער, וואַסיליכע, און אַז דו ביסט בייז אויף אים, מיינסטו, דאַרף מען שטענדיק געדענקען אַ שטאָך צו טאָן ? — דאָס האָט אַגאַפיע זיך אָנגענומען באַיאַנס עוולה.

— סטערא, האַרץ, פאַרמאַך שוין די טיר — בעט זי — דו לאָזסט אַריין די קעלט.

— שטופּ זיך אַהער. אָט דאָ נעבן מיר, וועסט זען, דיר וועט זיין ווייך און וואַרעם !

— אַהער ! אַהער ! טו אַ פלי און פאַל אויף מיר — שטרעקן זיך הענט, כלומרשט זי צו כאַפּן.

— פּאָרזיכטיק, וועסט מיר די אויגן אַרויסשטעכן.

נאָך אַ ווײַלע קוקן אין דער פינצטער הויבט אסתר אָן אויסטיילן קעפּ, פאַרוויקלטע אין שאַלן, היטלען איבער בערדיקע פּנימער.

האַרט נעבן אירע פים דערציילט עמעצער פאַרטרוילעך, לייגט ניט קיין אַכט אויף דער הייטערקייט, וואָס אסתרס דערשיינען האָט אַרויסגערופן.

— מיינסטו, איך האָב היינטיקן האַרבסט איר ווידער ניט געכאַפּט מיט מיינעם ?

— אָך אַ צעלאָזענע ! אַ זינדיקע דאָס איז. — קומט אַן ענטפער און נאָכדעם אַ לאַנג טשמאָקען מיט די ליפּן. קאָנטיק, אַז די גאַנצע מעשה האָט זייער שטאַרק געווירקט.

פון ערגעץ פאַלט אַ שפּיי. אַ ברענענדיקער פּאַפּיראָס טוט אַ שיין אויפן פּנים פון רויכערער און פאַרטונקלט זיך.

פון צווייטן עק חדרל הערט מען ביעלאָגלאַזעווען עפּעס דערציילן מיט התפעלות :

— אַ נס זי האָט געהאַט שוועבעלעך אין שטוב, האָט זי אָנגעצונדן אַ קופּע שטרוי. אפשר דריי וועלף זיינען געווען. איינעם האָב איך אַליין גע־זען. זיי וואָלטן אַוועקגעשלעפּט דאָס קאַלב, אַ האָן וואָלט ניט אַ קריי געטאָן.

טראָץ אַלעמענס ריידן הערט מען גאָר שטיל פליסטערן, אַן איינגע־האַלטן געלעכטערל און שושקערייַ.

דעם אַלטן קיריאַקאָוו, וועמען מען רופט נאָך אַלץ, לויט זיין אַמאָלי־קער פּראָפעסיע, אָרגאַניסט, געפעלט שטאַרק ניט דאָס אויפפאַלנדיקע שושׁ־קען זיך אין סאַמע ווינקל פון פינצטערן חדרל.

— פּע ! — טוט ער הויך אַ זאָג — עס האָט דאָך גאָר קיין אויס־זען ניט. בררר... עס קערט די גאַל. אין גאַנצן ניט מענטשלעך...

— מאַך זיך ניט קיין צרות, נאָך גוט עס איז אַזוי, דיעדושקאַ קיריאַ־קאָוו. עס זאָל האָבן אַן אויסזען און זיין מענטשלעך, קען עס נאָך בעטן עסן...

אַלע לאַכן הויך. קיריאַקאָוו לאָזט אָבער ניט אָפּקומען מיט דער חכמה.

— פּאָפּאָוו ! האַ, פּאָפּאָוו ! — שרייט ער — סטעראַ, עפן די טיר, שטייסט דאָרטן דערנעבן ! פּאָפּאָוו, דו הערסט מיר ? וואָלסט געדאַרפט פונ־דעסטוועגן אָנצינדן אַ קורניק. מאָלן דאָס גאָרניט די טראַקטאָריסטן קיין ווייץ ? נישקשה, זיי מעגן ברענגען אַ ביסל נאַפט פאַר דער מיל. זיי ווייסן זייער גוט, ווי מען מאַכט עס... קיין אָטשערעד וואַרטן זיי אַלץ איינס ניט איבער, און מאָלן גלייך ווי זיי קומען. האַ, דו הערסט, פּאָפּאָוו ? עס איז ניט שיין צו זיצן אין דער פינצטער. מען זעט דאָך גאָרניט, וואָס מען רעדט....

דער דיעדושקע פּאַפּאַוו הייבט זיך פּאַמעלעך פון אָרט, קראַצט אונ־טערן היטל און רופט זיך אָן גוטמוטיק:

— זעסטו טאַקע ניט, וואָס דו רעדסט? הם... אַ ווונדער... טאָ נעם ברודערל און טאַפּ אָן יעדעס וואָרט, איידער דו ברענגסט עס פאַרן מויל.

ער גייט צו צום לאַמטערן, צינדט אָן דעם קורניק און טוט זיך אַ שטעל מיטן רויכערנדיקן פּלעמל אין דער אָפענער טיר. עמעץ טוט עס אַ נעם פון אים, גיט איבער פון האַנט צו האַנט. ביז עס בלייבט שטיין אין דער הויך, אויפן קאַלטן אויוון. שאָטנס צערוקן זיך איבערן נידעריקן באַלקן, שאַרן זיך איבער די ווענט און בלייבן הענגען איבער צוויי אַלטיטשקע, וואָס זיצן ביידע אָנגעלענט, צוגעטוליעט קאָפּ צו קאָפּ. זאָיא כראָפּעט גאָר געשמאַק. גאַווריל אָווע אָבער איז וואַך. זי טוט אַ ציטער פונקט ווי ביים פלעמל וואָלט זי דערזען די קעלט. מיט אַ פּאַטש אין ביידע הענט, זיך אַליין צוגעבן קוראַזש, שרייט זי אויס:

— אַזוי, פּאַפּאַוו, אַ דאַנק, וועט כאָטש זיין אַ ביסל וואַרעמער!

ביי דער שכנטע אירער טוט אַ פאַל דער קאָפּ, ווי ער וואָלט איר גע־ווען קוים צוגעטשעפּעט צום האַלדז. אָן איבערגעוועקטע קוקט זי צעטומלט אַרום זיך.

— זאָל איך שוין אַזוי לעבן, קומאַ, דו שלאָפסט אַליין ניט און לאָזט אויך אַ צווייטן ניט שלאָפן.

— וואָס הייסט שלאָפן? וויפל איז דער שיער צו כראָפּען? דיין אָטשערעד איז דאָך שוין לאַנג אַריבער! — זאָגט עמעץ מיט געלעכטער.

זאָיאַ קוקט מיט דערשראָקענע אויגן, פאַרשט אַרום זיך, דערקענט די אַלע וואַרטנדיקע, זעצט זי זיך פעסטער אַוועק. בינדט בעסער צו דאָס טיכל ביים האַלדז, רוקט ביידע הענט אין די אַנטקעגנדיקע אַרבל און בלייבט זיצן אין גאַנצן אַ וואַכע, אַ שווייגנדיקע. דאָס פלעמל אין אירע אויגן זאָגט: איך שלאָף נישט מער און ווי איר ווילט אייך, מיין אָטשערעד וועל איך שוין גוט דערהיטן!

אסתר רוקט זיך אַרויס צום אַלטן פּאַפּאַוו. זי קאָרטשעט זיך צונויף פאַר קעלט און בלייבט זיצן מיט אים. זיי קוקן ביידע, ווי דאָס מעל בערגלט זיך אין קאַסטן. פון צייט צו צייט טוען זיי אַ שטעק אַריין די פינגער אין דער וואַרעמער מאַלכע, טאַפּן די דינקייט פון מעל און בלייבן ווידער באַוועגלער.

אין דער הויך איבערן דאַך, שלעפּט דער ווינט די פליגלען. דרייט זיי מיט אַ רעש. דער טויער רייסט, באַוועגט זיך הין און צוריק, ווי מען וואָלט מיט כוח זיך געוואָלט אַריינבאַקומען אין מיל.

— דיעדושקאַ פּאַפּאָוו, עמעץ קלאַפּט, עמעץ וויל אַריין.

— רעדסט נאַרישקייטן, סטעראַ. איצטער אין אַזאַ שפּעטער שעה? אַמאָל ווען שדים זיינען נאָך געווען, פלעגט קענען געשען, זיי זאָלן קומען אין דער צייט. מיין טאַטע, דער גיעבאָשטשיק, האָט דערציילט: איין מאָל זיצט ער אַזוי שפּעט אין דער נאַכט, איינער אַליין אויף דער מיל און מאָלט דעם פּריץ'ס ווייץ. אַנדערע צייטן געווען... און צו מאָלן איז דאַן געווען אַ סך. די גאַנצע מיל פאַרשאָטן מיט ווייץ ביז אַרויף. — ער הויבט אויף זיין האַנט, קרייזט מיט איר אין דער לופטן. זיין בליק בלאָנדזשעט איבער די פּוסטע ווענט און ער ווערט אַנטשוויגן. שאָקלט באַדויערנדיק מיטן קאָפּ.

— בערג גאַנצע — הויבט ער ווידער אָן, נאָך אַ ווײַלע שווייגן — פּלוצלונג הערט ער, מען קלאַפּט. פון אָנהייב האָט ער זיך טאַקע גוט דערשראָקן... שטעלט ער זיך ביי דער טיר, הערט זיך צו... מענטשן רופן. מענטשלעכע קולות... טראַכט ער: אפשר עמעץ אין וועג זיך פאַרשפּעטיקט, דער שטורעם האָט פאַרכאַפּט. נעמט דער אָרעמענקער און עפנט דעם טויער. נו, און ווער מיינסטו, קינד מיינס, איז עס געווען? זיי טאַקע... די ניט־גוטע. אויף פערד און אין וועגענער האָבן זיי זיך אַריינגעריסן אין מיל, זיך געדרייט אַרום מילשטיין. געפייפט און געטאַנצט. געוואָיעט און געלאַכט... אַרויסגעשלעפּט אים אין סטעפּ אַרויס... אַ גאַנצע נאַכט האָבן זיי געטאַנצט אַרום אים... פאַרשלעפּט אים ווייט... ערשט פאַרטאָג, ווען עס האָט געגנ־מען שאַריען, האָט ער קוים געטראָפן צוריק צו דער מיל....

— דיעדושקאַ, לעבן זיי שוין ניט? זיינען שוין מער ניטאָ די ניט־גוטע?...

— אָך, טאָכטער, טאָכטער, סאָהרעשילי מי הרעשניע... מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט... דער טייוול האָט זיך אין מענטש אַריינגעזעצט און קיין מאָל ווערסטו שוין ניט וויסן... וועסט זיך שוין ניט ראָזביעראַיען, ניט דערקענען, איז עס אַ מענטש אָדער אַ שד פאַר דיינע אויגן....

ער האָט אָפּגעהאַקט — זיי מיר מוחל, האָספּאָדי באַרעמהאַרציקער... פאַרגיב מיר מיינע זינדיקע רייד... — ער האָט זיך דערשראָקן פאַר זיינע אייגענע ווערטער. לאַנג זיך געצלמט און שטום געקוקט פאַר זיך. אין די טיפע קנייטשן פון אַלטנס פּנים האָט זיך באַזעצט אַ טרויער.

אַרום אויף די טונקעלע ווענט האָבן זיך צעטאַנצט די שווערע שאָטנס צוזאַמען מיטן פלאַם אין לאַמטערן.

זיצן זיי ביידע שווייגנדיק, קוקן, ווי דאָס מעל שיט לאַנגזאַמער און לאַנגזאַמער אין קאַסטן.

— ווייסט, דיעדושקאַ ? — האָט זיך אסתר פלוצלונג אַ הויב געטאָן פון אָרט — איך וועל זיך ניט דערוואַרטן אויף מיין אָטשערעד. איך גיי אַהיים ! מיין טעכטערל קען זיך איבערוועקן, וויינען. און דער ווינט ווערט קלענער. ביז עס וועט קומען צו מיין ריי, קען ער זיך אין גאַנצן אָפּשטעלן. — זי האָט גערעדט, נאָכטראַכטנדיק און פאַרענדיקט דעצידירט :

— איך גיי !

— וואָס — פאַלט דיר איין ? ביסט פון זינען אַראָפּ ? — האָט דער אַלטער געזאָגט מיט זיין געווייגלעכער רואיקייט — איצטער אין אַזאַ נאַכט ? טשודאַטשקאַ ! דער ווינט האָט זיך גאָר איבערגעדרייט.

אסתר בלייבט זיצן. זי קען אָבער ניט באַהערשן דעם אומרו אין זיך.

— ניין, — טוט זי זיך פלוצלונג אַ הויב פון אָרט — דאָס קינד שרעקט זיך דאָרט, וויינט. און די נאַכט איז נאָך אַזוי לאַנג. איך קען ניט מער. דאָס האַרץ ציט מיך צום קינד. — זאָגט זי און לאָזט זיך צו דער טיר. דער אַלטער גייט איר נאָך, ער קוקט אויף די פליגלען, ישובט זיך מיטן ווינט.

אסתר גייט שנעל. פון וייטן הערט זי דאָס פאַרמאַכן די מיל.

דער סטעפּ ליגט איינגעוועבט אין אַ בלייכער נאַכט. אַ גרויע ווייסקייט ציט זיך און האַקט זיך איבער גאָר נאָענט. דאָ ניט וויט פון איר פילט זי דעם פאַרהוילענעם סוף. פון אים יאָגט עס דער ווינט, גלייך איר אַנטקעגן און דערטראָגט אַ קינדעריש געוויין, ער שטופּט, שטויסט זי צוריק, פאַרהאַלט זי אַ רגע אויף איין אָרט, טוט אַ דריי דעם שניי אַרום איר און הויבט זיך אויף הויך מיט אַ פייפעריי.

אסתר שפּאַנט פאָרויס... שטעלט זיך אויף... גייט געבויגן. זי ציט דעם קאָפּ פאָרויס, פאָרויס... צום דאָרף... צו די כאַטקעס...

דער וועג נעמט זיך גאָרניט אויס. ער ענדיקט זיך ערגעץ וויטער... עס דוכט זיך איר, ער דאַרף זיך דאָ אָפּהאַקן און עס ציט זיך אַזוי לאַנג... זי זעט ניט זיין אָנהייב און זעט ניט זיין סוף... ווי ער וואָלט זיך אָנגעהויבן שלענגלען. אַרום איר, אין געווירבל דרייען די שנייען, שניידן אין פּנים,

פאַרשיטן די אויגן. זי בלייבט שטיין, ווישט זיי אויס. אין מיטן געדריי דערזעט זי און דערקענט... אָט זייגען זיי די ניט־גוטע, וועגן וועלכע דער דיעדושקאַ האָט גערעדט. אָט יאָגן ווייסע פערד אין דער לופטן. גרויע רעדער דרייען נאָך. אַ מענטש שפּאַנט צו דער הויך און בליץ־שנעל לאָזט ער זיך אַראָפּ... פּויזעט איבער דער ערד, יאָגט מיט אַ געוויין מיט קולות. זי הערט אַ פּייפעריי... צי מען לאַכט ?...

אַ שנייוועג ציט זיך פון דער ערד ביז גאָר הויך, אַ שמאָלער, גלייכער וועג, גאָר נאָענט נעבן איר. דער וועג קומט אַלץ נאָענטער, נאָענטער און נעמט זי אַריין אין מיטן.

אסתר בלייבט אַ רגע שטיין מיט פאַרמאַכטע אויגן. זי קלאַמערט זיך אָן שנייי, וואָס אונטער איר. רוט זיך אַ ווײַלע אָפּ און לויפט ווידער פאָרויס. זי וויל וואָס גיכער זיין דאָרטן, פון וואַנען עס טראָגט זיך דאָס געוויין. דאָרט, אַ קליין ביסעלע ווייטער, ווו די גרויקייט זעט אויס צו זיין געדיכטער, ליגט געווים דאָס דאָרף.

אָבער פאַרוואָס קען זי דאָרט ניט צוקומען ? וואָס ציט זיך עס אַזוי ווייט ? אירע טריט נעמען זיך פּלאָנטערן, פאַרטשעפּען אין וועג, דערפילן עפּעס האַרטעס אונטער זיך. גאָר נאָענט אונטערן שנייי פילט זי, ווי אַ פּלויט זאָל ליגן. וויגט, הוידעט זיך, ווי זי וואָלט ניט געשטאַנען אויף דער ערד. איז זי אויף אַ פאַרשאָטענעם גאָרטן ? צי האָט דער ווינט אַהער דערטראָגן אַן איינגעוואָרפענעם פּלויט ? איז זי ניט אויפן וועג ? טאָ ווו איז דער וועג ? די פּלויטן מוזן דאָך זיין ביים דאָרף ? איז אין וועלכער זייט דאָרף איז זי ? ווי קומט מען אַרויף אויפן וועג ?

אסתר קוקט אַרום זיך. דרייט זיך פאָרזיכטיק. האָט מורא צו פאַרלירן די ריכטונג. אין דער געדיכטער גרויקייט דוכט זיך איר, אַז זי זעט טונקעלע פלעקן אין דער הויך.

— זיינען עס די פליגלען פון מיל ? בין איך נאָך אַלץ אַזוי נאָענט ? וואָס קומט דאָ פאָר ?

זי גייט ווייטער פאָרויס. די פליגלען ווערן גרעסער. אָט הערט זי שוין זייער רוישן. ווידער בלייבט זי שטיין ביי דער מיל. זי זעט אָבער ניט די טיר. לאַנג האָט זי זיך אַרומגעדרייט. האָט געמוזט אַרומקרייזן די גאַנצע מיל, ווייל זי איז אָנגעקומען פון דער צווייטער זייט.

קוים דערשלעפּט זיך.

אַ דערשעפּטע בלייבט זי שטיין ביי דעם פֿאַרשאָטענעם טויער. קלאַפּט. פֿון אינעווייניק קומט קיין ענטפֿער. זי שפּיצט אָן איר געהער. איר דוכט זיך, אַז זי האָט געהערט עמעצן גיין אינעווייניק. עס איז אָבער קיינער ניט צו־געקומען. שלאָפֿן דאָרט אַלע. זי וועט דאָך דאָ דערפֿרוירן ווערן. מען הערט אַלץ קיינעם ניט. בלויז פֿון דרויסן איבער דער מיל קלאַפּן שטאַרק די פֿליגלען און דער ווינט רייסט זיי מיט אַ הוזשעניש און געוווי.

הערט מען ניט אין מיל איר רוף?

זי קלייבט אויף איר גאַנצן כּוח און זעצט אין טיר, ווי שטאַרק זי קען נאָר.

— דיעדושקאַ פּאַפּאָוו! דיעדושקאַ, עפֿן אויף! איך ווער דערפֿרוירן!

— דערמאָן גאָטס נאָמען! — רופֿט דער אַלטיטשקער פֿון אינעווייניק מיט אומצוטרוי.

— דיעדושקאַ, עס איז ניט קיין שד, גאָט איז מיט דיר, עפֿן אויף! דאָ איז סטעראַ. לאָז מיך אַריין! איך האָב געבלאָנדזשעט... ניט געקענט טרעפֿן דעם וועג... איך בין דערפֿרוירן, דיעדושקאַ!

זי הערט, דער אַלטער פֿאָרעט זיך ביים ריגל. ער עפֿנט דעם טויער, קוקט אַ דערשראָקענער און צלמט זיך. זיין בליק איז פֿול מיט צער. זיין שטים ציטערט הויך און שרייט אַריבער דעם גערויש פֿון די פֿליגלען:

— דאָס איז דיר ניט דיין היים דאָרטן, טאָכטער, ביסט אויף סיביר! ביסט אין אָפֿענעם סטעפּ!...

ווי אַ פֿאַרשעמטער לאָזט ער אַראָפּ דעם קאָפּ צו דער ערד און שאָק־לענדיק מורמלט ער צו זיך אַליין:

— סאָהרעשילי מי הרעשניע... סאָהרעשילי מי, מוטשיטסאַ נאַראָד......

***

אַ דערפֿרוירענע האָט אסתּר זיך אַריינגעשטופּט אין פּאַפּאָווס חדרל. דער אַלטיטשקער איז געבליבן ביים מעל־קאַסטן. זיצט ער אַ שלעפֿערדיקער, דער קאָפּ לאָזט זיך אים אַראָפּ נידעריקער, נידעריקער, ביז ער קלאַפּט אָן דעם קאַלטן פּעליץ. וועקט ער זיך איבער, קוקט מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן אַרום זיך, אויף דעם מעל, וואָס שיט אין קאַסטן און דרעמלט ווידער איין.

פלוצלונג ווערט ער וואַך· שטעלט זיך אויף· דאָס האָט אים אויפגעוועקט די שטילקייט· דער גערויש איבער אים האָט אויפגעהערט·

— שטייט די מיל ? האָט זיך דער ווינט אויסגעדרייט, צי איינגעשטילט ? — פרעגט ער זיך אַליין·

דורך די שפּאַרעס פון דער פאַרמאַכטער טיר קוקט אַריין אַ גרויער פרימאָרגן·

— אַהאַ, שוין טאָג ! — זאָגט פּאָפּאָוו, עפּענענדיק· ער שטייט פאַרגאַפט·

— אַ גאַנצע איבערקערעניש !

די גלייכקייט פון סטעפּ איז אַוועק· די גערטנער, וואָס זיינען געווען פאַרשאָטן איבער די פּלויטן ליגן אויסגעגלייכטע· עס איז אויסגעקערט דער שניי אין זיי· ממש די פאַרפרוירענע ערד קוקט אַרויס· ווי ווייט דאָס אויג קען נאָר גרייכן — בערג· אַרום און אַרום מיל טוליען זיך קיילעכדיקע, קלענערע בערגלעך· הינטער זיי הייבן זיך אויף העכערע· זייערע רוקנס קאַרבן זיך· גלאַטע, ווייסע טרעפּ פירן ביז אַרויף· אין דער הויך צעטיילן זיי זיך אין שפּיצן, שאַפן אַ באַרגקייט·

סודותדיק ציט זיך עס אַוועק ווייט אָן אַ סוף· דער גרויער פרימאָרגן אָטעמט מיט בראשיתדיקייט· נאָך היינט ביינאַכט איז דאָ געווען אַן אומענדלעכע, גלייכע ווייטקייט ביזן האָריזאָנט·

שטייט ער, פּאָפּאָוו, און קען זיך גאָרניט אָפּחידושן·

— די נאַכט האָט אָפּגעטאָן אַ פיין שטיקל אַרבעט ! —

ער פאַרקוקט זיך אויף די פליגלען, וואָס זיינען געבליבן שטיין קרום נאָכן לעצטן דריי פון ווינט, און פּאַמעלעך, מיושבדיק גייט ער צוריק אין מיל אַריין·

— באַביאָשקעס ! איר קענט שוין אויפשטיין און גיין הייצן די הרובעס ! שוין, עס איז שוין נאָכן ווינט ! — קלאַפּט ער אין טיר פון זיין חדרל·

ציטערנדיק פון קעלט, הייבן זיך די ווייבער פון דיל· אין שטיבל איז נאָך פינצטער· זיי שטייען אויף, ציען זיך אין דער הויך, גלייכן אוים די פאַרשלאָפענע גלידער·

— געכאַפּט אַ דרימל — זאָגט דאַנילאָווע· זי קען גאָרניט פאַרשטיין, ווו עס איז אַהינגעקומען די נאַכט·

— שוין נאָכן ווינט! — געגעצט עמעץ אוים די ווערטער מיט דער נאָנצער ברייט פון מויל.

— עס האָט גוט געדרייט — ענטפערט אַגאַפּיע פון פינצטערן ווינקל אַרויס, און בינדט בעסער איבער דאָס טיכל. אין שלאָף האָט עס זיך אײַ בערגעדרייט, אַראָפּגעפאַלן פון קאָפּ.

נאָך דעם בויגט זי זיך איין איבער איר זעקעלע ווייץ, פאַרקניפּט עס שטאַרק. זי דרייט די שטריק אַ סך מאָל און מאַכט צום סוף עפּעס אַזאַ פאַרבינדעכץ, וואָס קיינער זאָל נישט קענען נאָכמאַכן. — זאָל עס שטיין און וואַרטן. אפשר וועט נאָך היינט ווידער זיך אויפהויבן אַ ווינט. וועט מען דאָך צעמאָלן דאָס ביסל ווייץ.

יעדער טוט עס אויף זיין אופן. וואַסיל געטרויט נאָך ווייניקער. ער נעמט דאָס זעקל אויף די פּלייצעס און שלעפּט זיך דערמיט אַהיים.

— ווער ווייס, ווען עס וועט שוין זיין אַ ווינט, מען וועט דאַרפן דרייען אויף דער זשאָרנע... — פאַרענטפערט ער זיך.

שטיל און שווייגנדיק פאַרלאָזט מען די מיל. יעדער מיט דער האָ־פענונג צו קומען באַצייטנס, ווי נאָר דער ווינט וועט ווידער אַ בלאָז טאָן.

ווי אַ סטאַדע געגנדז, איינער נאָכן צווייטן, שלענגלט מען צופוסנס פון די ניי באַשאָפענע בערג. קיין מענטשלעכער פוס האָט זיי נאָך נישט באַ־טראָטן. בלויז ערטערווייז איז צו באַמערקן סימנים פון ווילדישע טריט אין שניי. קאָנטיק הונגעריקע, אַז זיי האָבן אַזש אַהער צו דער מיל זיך דערקליבן. מיטן פאַרשווינדן פון דער נאַכט האָבן זיי זיך באַהאַלטן אין וואַלד, און אפשר דאָ צווישן די בערג־שפּאַלטן.

הינטער דער מיל, שלעפּט זיך אַ בייק. דער שליטן גליטשט זיך לייכט נאָך אים.

ביי זיין זייט, מיט אַ נאַקעטער צווייג אין דער האַנט, שפּאַנט עמעץ נאָך. אָט קריכן זיי אַרויף אויף אַ באַרג ביזן בויך אין שניי. דער בייק בלייבט שטיין, איינגעזונקען, נישט אַרויסצושלעפּן די פיס.

אויף דער ווייסקייט גיסן זיך צוזאַמען דער בייק, דער שליטן און דער אָנטרייבער אין איין טונקעלן פלעק. ער רוקט זיך אַליין נעענטער, באַרג אַרויף, באַרג אַראָפּ און צעגראָבט די גלאַטקייט פון דעם שניי. דער שליטן צייכנט הינטער זיך אַ נייעם וועג פון דער קאַלכאָזנער באַזע אין סטעפּ צום דאָרף.

— צאָב! צאָב! — הילכט עס אין דער פוסטקייט אַרום.

דער בייק מאַטערט זיך, בייגט דעם קאָפּ צו דער ערד, שלעפּט אַרויס די פיס, שיטנדיק קופּעס שניי פאַר זיך. קוים ער קומט אַריבער אויף דער צווייטער זייט, לויפט ער שוין באַרג אַראָפּ, בייט גיך די פיס, דער שליטן זאָל זיי ניט אָפּקלאַפּן.

— צאָב ! צאָב ! צאָבאַ !

דאָס שרייט גאַדזשקע. נאָך פאַרטאָג איז זי אַרויסגעפאָרן. ווי נאָר עס האָט אָנגעהויבן גרויען.

אויפן האַרצן איז איר אָנגעכמורעט. דער הונגער נאָגט און די קעלט שטעכט די באַקן, די ליטקעס, ווי מיט נאָדלען.

— צאָב ! — שרייט זי מיט כעס און לאָזט אויס איר ביטער האַרץ צום בייק. — וווהין קריכסטו ? בהמה וואָס דו ביסט, נידעריקער !

ווידער ווערן זיי פאַרפאַלן הינטער אַ באַרג. ביז ענדלעך קומען זיי צו צום דאָרף.

— היי, ווייבער, שלאָפט ניט ! גיט עסן אין בריגאַדע ! איילט אייך, מומינקעס, עס איז קאַלט !

איר היים וויל גאַדזשקע אויסמיידן. עס קומט איר אויף די גאַנצע ביטערניש פון דער באַגעגעניש מיט דער מאַמען. עס נאָגט איר דאָס האַרץ. איר דוכט, אַז נאָך מערער פון הונגער מאַטערט דער פאַרדרוס. זי וואָלט געוואָלט זיך דערטראַכטן, וועמענס אַרבעט איז עס געווען. ווער האָט דאָס אַלץ אָנגעבאָלבעט.

— ווער האָט עס אָנגעמאַכט די גאַנצע טשעפּוכאַ ? — ברעכט זי זיך דעם קאָפּ — אָט סאָבאַקי, הינטישע לעבערס. פריער קריכן זיי און נאָך דעם גייען זיי אַליין דערציילן דער מאַמען....

זי מיידט אויס איר שטוב.

דער הונט אין בודע דערשמעקט גאַדזשקען נאָענט און לויפט אַרויס. ער לאַשטשעט זיך און שפּרינגט אויף איר אַ צופרידענער.

באַגעגנט זיך מיטן הונט, דערפילט זי דעם טעם פון שטוב . דער הונגער נעמט נאָך שטאַרקער ציען ביים האַרצן.

—עך, קודלאַטער, קודלאַטער — גלעט זי אים — קאַלט דיר אין דרויסן, האַ ? אַ בוראַן געווען, אַ שטורעם ?... און איצטער, בורעק, אין אַ פראָסט...

זיי שטייען ביידע און קוקן זיך איבער מיט גלאַנציקע אויגן.

אַגאַפיע דערהערט די בילעריי און שטעלט זיך אַרויס אין פֿאָרהויז.

— נאַדזשקע ?... דו ?... קען ניט זיין ! — שרייט זי פֿאַרוווּנדערט — נאַדזשקע ! הא, דאָס ביסטו ? איצטער ביסטו געפֿאָרן ?... אין אַזאַ וועג ?!

נאַדזשקע שווייגט. נעמט ניט צו איר בליק פֿון בורעקן.

— קיין הונט טרייבט מען דאָך איצט ניט אַרויס אין גאַס. ווי ביסטו געקומען ? ווי אַזוי האָסטו זיך דערקליבן אַהער ?

— וואָס האָב איך געקענט טאָן ? — ענטפֿערט זי שטיל, ניט אויפֿהויבנדיק דעם קאָפּ. — זיי אַרבעטן דאָרט הונגעריקע אויף דער באַזע. מען מוז דאָך עסן...

זי רעדט ברוגז, פֿילט אָבער, אַז עס ווערט איר גוט מיט דער היים; מיט דעם רויך, וואָס קייקלט פֿון קוימען; מיט דער מאַמען, וואָס שטייט איצט אין דער אָפֿענער טיר.

— וווּהין פֿאָרסטו, נאַדזש ? — שרייט אַגאַפיע — קיינער האָט נאָך אַלץ איינס גאָרניט צוגעגרייט ! עס איז דאָך גאָר וואָס טאָג געוואָרן. קום, טאָכטער, דערוואַרעם זיך, ביז מען וועט אויסהייצן די אויוונס !

דער מוטערס גוטע רייד צענעמען זי. אַ נאָכגיביקייט, אַ וואַרעמקייט דערפֿילט זי אין אַלע גלידער, אַזש טרערן קומען אין די אויגן. זי ווייס אַליין ניט פֿאַרוואָס עס ווילט זיך איר וויינען, אַז אין דער אמתן איז איר גאָר גוט. זי פֿילט, ווי דאָס אָנגעקליבענע ביטערניש צעגייט. זי ווייס שוין אַפֿילו ניט, אויף וועמען האָט עס אַזוי געקאָכט אין איר דער כעס. איז עס געווען אויף דער מאַמען ? צי אויף די, וואָס האָבן לאַנגע ציינגער ? וואָס באַלטאַיען זיי, וואָס קומען זיי דערציילן וועגן אַלץ, וואָס טוט זיך אין בריגאַדע ?

עס דוכט זיך איר, אַז אַ ביסל פֿאַרדריסט איר פּשוט אויף זיך אַליין, ניט געדאַרפֿט זיך לאָזן אַזוי...

— סאָבאַקי ! — טוט נאַדזשקע אַ וואָרטשע און אַ שמייכל צעגיסט זיך אויף איר פּנים. זי באַהאַלט עס אונטער אַ ברוגזער מינע. פֿאַרקערעוועט גלייך צום גאָרטן. די מאַמע זאָל אויף איר גאָרניט באַמערקן.

זי פֿאַרטשעפּעט דעם בייק צום פּלויט. בורעק שאַרט נעבן אירע פֿיס. אַ פֿריילעכער טאַנצט ער אַרום איר. ער לויפֿט אַ צופֿרידענער איבער די

בערג שנײ צו דער שטוב און מיט אַ בילעריי קומט ער צוריק. שפּרינגט אויפן מיידל, ווי ער וואָלט אין גאַנצן ווילד געוואָרן.

— ביל, קודלאַטער! ברעשע! ברעשע זיך גוט אויס, אויך פאַר מיין היגטיש לעבן! — און עס ווערט איר אַזוי גוט, וואָס זי קען זיך אַזוי אָפּ־ריידן פאַרן הונט.

זי קוקט אויף בורעקס צעשפּילטקייט. מיט ליבשאַפט טרייבט זי אים פון זיך און לאָזט זיך מיט די טיפע שנייען דורכן גאָרטן צו דער שטוב.

דער הונט לויפט נאָך, פאַרלויפט איר דעם וועג. זי פאַרטשעפּעט זיך און טוט אַ פאַל אין שניי. בורעק ציט זיך אויך אויס. ער רייבט דעם רוקן, וואַרפט די פיס אַרויף און שפּרינגט ווידער אויף אַ צעשפּילטער.

גאַדזשקע ווערט אויפגעהייטערט. ליגנדיק, קאַטשעט זי זיך אין שניי, קייקלט זיך פון באַרג מיט אַ הילכיק געלעכטער.

די מאַמע שטייט אין טיר. אַ נחתדיקער שמייכל טוט אַ בליץ אין אירע אויגן און באַהאַלט זיך אין די קנייטשן אונטער אַ שטרענגן בליק.

— ווילדע!... ביעשאַנאַיאַ!... — זאָגט זי מיט געצוימטער ליבשאַפט און גייט אַריין אין שטוב.

שנעל כאַפּט זי דאָס טאָרבעלע, וווּ עס ליגן די אַלט־געוואָרענע פּיע־ראָזשקעס, וואָס זי האָט געהאַט געמאַכט פאַר גאַדזשקען. זי לייגט זיי אויף דער סקאָווראָדע און שטופּט עס אין אויוון.

— אַזאַ וועג, אַזאַ וועג — רעדט זי צו זיך אַליין — אַזאַ וועטער לאָזט מען אַ יונג קינד פאָרן אין דאָרף אַריין. שלעכט געוואָרן דער נאַראָד...

שווערע טעג

קאַפּיטל פינף

א וואַרעמע און ווייכע, האָט די ערד זיך אַרויסגערוקט פון אונטערן שניי. נאָכן פאַריאָריקן שניט זיינען די פעלדער געבליבן ליגן באַזעצט מיט גלייך אָפּגעשניטענעם שטרוי, ווי ריזיקע באַרשטן.

די טראַקטאָרס וועלן באַלד ווידער צוגרייטן די פעלדער צום נייעם פאַרזיי, דערווייל האָבן זיך אין די פלאַכע ראַזאָרעס געוואַלגערט קופּקעלער זאַנגען, וואָס זיינען אַרויסגעפאַלן בעתן בינדן די סנאָפּעס.

דער סטעפּ איז נאָך געווען נאַס, ווען די באַבעס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט זוכן די גרינע, ווילדע ציבעלעס. פון ווייטן, איבער די תבואה־פעלדער, האָט זיך דערהויבן אַ פאַרע, ווי אַ רויך וואָלט געשלאָגן פון דער טיף.

דער הונגער האָט אַרויסגעיאָגט פון די שטיבער. האָבן זיי אַרומגעקרייזט די מיט שטרוי באַזעצטע שטחים, געבראָדזשעט אין בלאָטע צווישן יונגן גראָז, דורכגעטאָפּטשעט ערטער וווּ עס איז נאָך געלעגן ווייכער שניי.

אויף יענע נאַסע וועגן, האָבן זיי זיך דערטראַכט, אַז עס וועט זיין אַ סך בעסער צו קלייבן די איבערגעבליבענע זאַנגען אין די ראַזאָרעס און פאַרקערעוועט צו די תבואה־פעלדער.

גרויסע גרופּעס פלעגן זיי דאָרטן אַרומקריכן געבויגענע, מען זאָל זיי פון ווייטן ניט דערזען. שוין שפּעט אין אָוונט קומען אַהיים, דורך די הינטער־וועגן און גערטנער.

אויך אַגאַפיע איז שוין עטלעכע מאָל געגאַנגען. געקומען אַהיים איז זי מיט רויטע אויגן פון ווינט און צעבלוטיקטע פיס פון די שטעכיקע שטרויען

אויף די פעלדער. כאָטש עס איז שוין געווען שפּעט, פלעגט זי גלייך נעמען דערפירן די אַרבעט צו אַ טאָלק. געווען אַ סך צו טאָן דערביי. פריער האָט מען געמוזט מיט אַ שטעקן אויסקלאַפּן די קערנער פון די זאַנגען, אָפּזיפּן זיי פון די לוסקעס. די קערנער פלעגט אַגאַפיע וואַשן אין אַ מולטער. בסוד אַז קיינער זאָל ניט וויסן, אַוועקלייגן זיי אויף דעם דאַך פון שטעלכל זיי אויסטריקענען. נאָכן צעמאָלן דעם ווייץ אויף דער זשאָרנע איז דאָס מעל געווען גוט אויף פּרעסנעס, ניט געזייערטן טייג. קיין ברויט פון דעם האָט מען ניט געקענט באַקן.

יעדעס מאָל, ווען אַגאַפיע איז געקומען אַהיים, האָט זי געשפּייט, געשאָלטן און זיך אַליין געגעבן דאָס וואָרט, אַז מער גייט זי ניט. דאָס לעצטע מאָל איז עס געווען.

— ווער האָט כוחות צו אַזוי פיל שרעק — האָט זי געשריען — דער סוף וועט זיין, איר וועט זען, איך וועל נאָך אַוועקפּטרן דעם איינ ניקן זאַק. איך וועל בלייבן אָן אַ זאַק אין שטוב!

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז וועגן דעם, וואָס די ווייבער קלייבן גאַנצע טעג די זאַנגען, איז דערגאַנגען צו נאַטשאַלסטוואָ. יאָגן טאַקע די בריגאַדירן אַרום אויף די ברימשקעס איבערן סטעפּ. קוים כאַפּן זיי, נעמען זיי צו דאָס אָנגעקליבענ'ע און קערן אַפילו ניט אום דעם זאַק. מען שמועסט, אַז מען וועט אַפילו משפּטן דערפאַר. עס איז גאָר ניט אַזאַ קליינִיקייט, ווי מען מיינט. אַלע מוזן גיין אין די בריגאַדעס אַרבעטן. דער זומער איז קורץ. וויניק אַרבעטס־הענט פאַראַן. יונג און אַלט זיינען אויף די פראָנטן.

ווען אַגאַפיע איז אין שרעק און מיט מזל שוין געקומען אַהיים, האָט זי נאָכגעגעבן. זי איז מסכים געווען מיט זיי, אָבער צומאָרגנס, ווען די שכנטעס זיינען געווען גאַנץ ווייט, הינטער די גערטנער, פלעגט זי אַ כאַפּטאָן דעם זאַק און זיי נאָכיאָגן.

זי האָט טאַקע אָנגעקליבן אפשר צוויי פּוד — אַ גאַנצער אוצר.

דער פרילינג האָט זיך געשטעלט אַ הייסער. צו די פּלויטן פון די גערטנער, ביי די ווענטלעך פון ברונעם האָט זיך נאָך געטוליעט דאָס לעצטע ביסל פאַרשוואַרצטע שניי. די גריבער זיינען פול געוואָרן און די ראָוון האָבן געשטראָמט מיט וואַסער, וואָס איז געקומען פון סטעפּ. דער קוביש איז אַרויס פון די ברעגעס און זיך צעגאָסן איבערן דאָרף, אַזש ביז אַגאַפיעס כאַטע. בורעק האָט זיך פאַרקליבן אויפן דאַך פון שטעלכל, וווּ עס איז געלעגן דאָס קעלבל, געוואַרעמט זיך אויף דער זון.

קיריאַקאָוו, וואָס האָט געוווינט ביים ברעג פון אָזיערע, איז געשטאַנען אין וואַסער און געמייסטרעוועט פון ברעטלעך אַ בריקל צו דער שטוב. דאָס פאָרהויז ביי אים איז שוין געווען אין גאַנצן פאַרגאָסן. זיין טעקלען איז נימאס געוואָרן צו אויסשעפן דאָס וואַסער מיטן עמער און גיסן אין דרויסן. האָט זי זיך אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און אירע פיס האָבן זיך געוויקעט, אַזש איבער די קני.

מיט בליקן פול שרעק האָט זי געקוקט צום מאַן, וואָס איז געבליבן שטיין אַנטקעגן אַ רעדל מענטשן. זיי זיינען געקומען מיט אים זיך אַן עצה האַלטן. מיט פחד האָבן זיי געקוקט צום וואַסער, וואָס האָט געשטראָמט מיט אַ ריזיקער קראַפט און מיטגעשלעפט קלעצער, אָפּגעריסענע פלויטן און אַלץ, וואָס עס איז געלעגן אויפן וועג. די מוטנע כוואַליעס האָבן אָנגעוואָרפן אַ שרעק.

ביי דער געלעגנהייט האָט אַגאַפיע שוין ווידער אַ מאָל דערציילט, וועגן דער לעצטער פאַרפלייצונג. ווי פון קורילקעס שטוב זיינען געבליבן בלויז צוויי ווענטלעך.

— אַלץ איז דאַן אַוועק מיטן וואַסער — האָט זי גערעדט מיט התפעלות — דאָס שטעלכל, די קאַלב האָט זיך דערטרונקען. א״ווי, א״ווי אַזש איבער מיין גאָרטן איז דאָס וואַסער דערגאַנגען. עטלעכע טעג האָט מען געקענט צו מיר צוקומען בלויז אויף לאָדקעס.

פון יענעם פרילינג האָט אַגאַפיע געהאַט אַ סך צו דערציילן. די שכנים האָבן עס אָבער געהערט ניט גערן. אַלע האָבן עס שוין געוווסט. די פאַרזאַמלטע האָבן געקוקט אויף קיריאַקאָוון און זיך געטרייסט מיט זיין רואיקייט. יעדער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז קוים וועט זיין שלעכט, איז קיריאַקאָוו דער ערשטער אויפן וואַסער. ער איז געשטאַנען רואיק, געמאָסטן מיט אַ שטעקן די טיף און אַלעמען פאַרזיכערט:

— דאָס וואַסער הייבט זיך ניט. איר וועט זען, אַז באַלד וועט עס אָנהויבן פאַלן. איר קענט אייך גיין רואיק. ס'וועט שוין היי״יאָר זיין אַ גוט גערעטעניש.

דעם פרילינג האָט אַגאַפיע געקראָגן צוגעטיילט אַ קליין שטיקל ערד ביי דער אָזיערע צו פאַרזעצן קרויט. אויך דעם גאָרטן האָט זי זיך פאַרמאָסטן גוט אויסנוצן. זי וועט ברענגען אַ ביסל שוואַרצערד אויפן סמעטניק און דאָרט פאַרזעצן פּאָמידאָרן.

זייער אַ שווערער ווינטער אַדורך. נאַדזשקע האָט אַ הונגעריקע גע־

אַרבעט אין בריגאַדע. מען וועט מוזן קריגן פֿאַרן מיידל אַ קלייד, אַ פּאָר שיך. די לענינגראַדער טראָגן אַרום פֿול זאַכן אויפֿן מאַרק. פֿאַר עסנוואַרג קען מען איצט אַלץ קריגן.

— מען וועט דאַרפֿן זען עפּעס אויפֿטאָן — האָט זי באַשלאָסן.

בעתן באַגיסן דאָס קרויט האָט אַגאַפֿיע געהערט, אַז מען וועט אין גיכן געבן בראָנפֿן אין „סיעל־פּאָ“. אַלע ווייסן, אַז קיין גוטער סימן איז עס ניט. שוין מסתמא ווידער אַ מאָביליזאַציע. מען וועט מוזן זיין אויף דער וואַך, טראַכט אַגאַפֿיע, זי דאַרף דערהיטן צו קריגן אַ פֿלעשל.

אַגאַפֿיע בייגט זיך אונטער דער לאַסט פֿון זאָרגן. זי איז שטענדיק פֿאַרדאגהט, אָפֿט כאַפּט זי אַ רעד מיט זיך אַליין.

— עס איז שווער... דאָס לעבן דורכלעבן איז דיר ניט אַ פֿעלד דורכצופֿאָרן... — טוט זי שטיל אַ זאָג.

שוין באַלד ניטאָ וועמען צו מאָביליזירן, טראַכט זי. די מענער פֿון פּראָגנט שרייבן אויך זעלטן. און קומט אָן אַ בריוול, דערוויסט מען זיך אויך ניט קיין גוטס. אָט איז אַנומלט אָנגעקומען אַ בריוו פֿון באַיאָוון. האָט ער געשריבן, אַז נעבן אים איז געפֿאַלן באָדראָוו. ער האָט אַליין געזען מיט זיינען אייגענע אויגן. עס לאָזט זיך גלויבן... באָדראָווע גייט אַרום שוואַרץ ווי די ערד. וואָס וועט זי איצטער טאָן. געבליבן מיט זעקס קינדער. מען שמועסט, אַז דער עלטערער מישקאַ איז שוין אויך געראַניעט, קלייבט זיך קומען אַהיים. שווער זיך פֿאָרשטעלן, נאָך אַ קינד. ווי לאַנג, אַז ער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ נאַס נעזל און שוין אַ סאָלדאַט... אַך, אַ מאַטערניש דאָס בידנע לעבן...

אין איינעם אַ פֿאַרנאַכט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַגאַפֿיעס חתונה־געהאַטע טאָכטער, זינקע. זי איז אין לעצטן מאָנאַט פֿון שוואַנגערשאַפֿט. ווייזט זיך טאַקע זעלטן ביי דער מאַמען. ניט געטראָפֿן קיינעם אין שטוב, האָט זי גלייך געזוכט אַגאַפֿיען אין גאָרטן.

דערזען זינקען מיטן שווערן בויך, האָט זיך אַגאַפֿיע געוווּנדערט:

— וואָס האָסטו זיך געשלעפּט אַזש אַהער? אַזאַ ווייטעניש.

— איך בין דיר געקומען זאָגן, אַז מאָרגן גיט מען בראָנפֿן אין „סיעל־פּאָ“.

— טאַקע, פֿון וואַנען ווייסטו? — האָט זי זיך אַ הויב געטאָן פֿון

בייט און נייגעריק אָנגעקוקט זינקען. — וואָס איז געשען ? האָסט געוויינט ?

— גרישקע גייט אַוועק אויפן פראָנט. אָנגעקומען אַ פּאָוויעסטקע. זונ־טיק גייען אַ סך אַוועק פון דאָרף.

אַגאַפיע האָט זיך אויפגעהויבן און מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט גע־לאָזט זיך צו דער שטוב. זינקע איז אַ שווייגנדיקע איר נאָכגעגאַנגען און געהערט דער מאַמען רעדן צו זיך:

— אַ סך... האָספּאָדי, ווער איז נאָך געבליבן ?...

פון שבת פרי אָן זייגען משפחות אין די זונטיקדיקע קליידער געגאַנגען איבער די גאַסן. עס האָבן מאָביליזירטע געוואָלט זיך געזעגענען, אויס־טרינקען אַ לעצט גלעזל. פון אַלע זייטן דאָרף האָט זיך געטראָגן אַ טרויע־ריק, צעצויגן געזאַנג. דער עולם האָט שיכורלעך געטאַנצט, געפאַלן זיך אויף די העלדזער און געוויין און ווידער געזונגען.

וואָלאָדיע, וואָס איז שוין לאַנג געקומען פון פראָנט מיט איין פוס, איז געשטאַנען פון ווייטן, אַ ביסל פאַררוקט אין הויף. אָנגעשפּאַרט אָןביידע קוליעס, האָט ער זיך ניט גערירט פון אָרט, נאָר געקוקט אין דער פאַר־לערטער ריכטונג, געדויכערט געשפּיגן און געבורטשעט פאַר זיך.

ביז זונטיק פאַרנאַכט, האָט זיך אויף די גאַסן געמישט דאָס געזאַנג מיטן געוויין. דערנאָך איז געוואָרן שטיל ווי אויף אַ בית־עולם.

קיריאַקאָוו איז געווען גערעכט. דאָס יאָר איז טאַקע געווען זייער אַ גוטע גערעטעניש. דאָס ברויט אָבער, איז נאָך אַלץ געגאַנגען פאַר דער אַרמיי, צום פראָנט. פון דאָרטן פלעגט זעלטן ווער צוריקקומען.

אין איינעם אַ טאָג איז געקומען דער קליינער באָדראָוו. מען האָט ריכ־טיק גערעדט אין דאָרף. ער האָט געהונקען אויף אַ פוס, געווען גראַניעט.

דער קליינער מישקאַ באָדראָוו איז שטענדיק געזעסן אין שטוב. זעלטן ווער עס האָט אים געזען. זיין מאַמע אַליין האָט שטילערהייט פאַרטרויט אַגאַפיען, וואָס ער האָט דערציילט.

— מיר ווערן סאָיוזניקעס מיט אַמעריקע — האָט באָדראָווע איינ־גערוימט אַגאַפיען אין אויער — זיי וועלן קומען אַהער די אַמעריקאַנצעס און עס וועט זיך אָנהויבן אין גאַנצן אַן אַנדער לעבן...

— גיי וואַרט אויף יום־טוב „פּיעטראַ“, ווערסטו עסן קעז — האָט אַגאַפיע אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און אַוועק אויפן גאָרטן.

דערווייל איז אַגאַפיע געוואָרן אַלץ שווערער און שווערער. זי האָט אויך געמוזט געדענקען איר צווייטע טאָכטער, די חתונה־געהאַטע, געבליבן מיט דריי פּיצלעך קינדער. דער איידעם איז אויפֿן פראָנט.

איצטער אויף דער עלטער קומט איר אויס צו אַרבעטן אַ סך. אירע גאַנצע האָפענונגען זייַנען פאַרבונדן מיטן גאָרטן. ער וועט דאָס יאָר געבן אַ סך קאַרטאָפל. אויך די פּאָמידאָרן זייַנען זייער געראָטן. מען וועט זיי באַצייטנס מוזן אַראָפּנעמען גרינע, אויב ניט וועט מען זיי צעגנבענען; נישקשה, זיי וועלן רויט ווערן אין היי.

לעצטנס איז איר צוגעקומען אַ נייַע צרה. בייַנאַכט, ווען זי קומט פון בריגאַדע, טרעפט זי אונטערגעגראָבן די קאַרטאָפל. זי איז זיכער אין דעם, דערקענט די קוסטעס וועלקן.

וואָס איז דער וואונדער ? — טראַכט אַגאַפיע. — מען האָט אָנגעשלעפּט אַהער פול טשעטשענצעס, איראַנצעס... געבראַכט זיי פון ערגעץ, פון עק וועלט. הונגעריקע קריכן זיי אַרום איבערן דאָרף. מען קען זיך אַפילו מיט זיי ניט צוזאַמענריידן, פאַרשטייען ניט קיין וואָרט רוסיש. זיי מוזן דאָך אָבער עסן.

אַגאַפיע ווייסט גאָרניט. ווי אַזוי זאָל זי אייַנהיטן דעם גאָרטן. מיטן באַגינען איז איר אויך שווער. דער ברונעם איז טיף. ווייניק וואַסער האָט ער. דער עמער רייסט אָפּ די הענט. מען וואָלט אים געדאַרפט גאָר רייניקן, דעם ברונעם.

שוין ניטאָ די אַמאָליקע כוחות, טראַכט אַגאַפיע, וואָלט כאָטש נאַדזשקע געקומען צוהעלפן.

שוין עטלעכע מאָל ווי זי האָט אָנגעזאָגט מיט מישקע באָדראָוו, אַז זי קומט אַהיים אויף בייַנאַכט. אומזיסט האָט אַגאַפיע געוואַרט, געהייצט די באָד. נאַדזשקע איז ניט געקומען.

איר גאַנץ ביטער האַרץ האָט אַגאַפיע געוואָלט אויסלאָזן צו אים טאַקע, צו מישקען. אַ היפּשער נאַטשאַלניק געוואָרן דער „זאַמאָרעק“ באָדראָוו. ער גייט אַרום מיט אַ ביקס און היט אין סטעפּ די תבואה. באָדראָוויטשען שטעלט עס אויף די פיס... ווען ער זאָל ניט היטן דאָס ברויט, וואָלט זי געשטאָרבן פון הונגער מיט דער גאַנצער פאַמיליע...

עס איז שוין געווען גאָר שפּעט, ווען אַגאַפיע האָט יענעם אָוונט זיך מייאש געווען צו וואַרטן אויף נאַדזשקען.

אין דרויסן איז געווען פינצטער. אָנהויב אָוונט האָט מען יאָ געזען לבנה און שטערן. שפּעטער אָבער האָט זיך דער הימל פֿאַרצויגן מיט וואָלקנס. עס האָט געוויזן אויף רעגן.

אַגאַפּיע איז געקומען פֿון גאָרטן און געקוקט דורכן פענצטער. אַרום האָט געלויערט אַ פינצטערניש.

זי איז אַרויפגעקראָכן אויפן אויוון מיטן געדאַנק נאָך עטלעכע מאָל אין דער נאַכט אַרויסצוגיין אויפן גאָרטן.

— אין די פינצטערע נעכט מוז מען נאָך מערער היטן — האָט זי גערעדט צו זיך אַליין — די, וואָס ווילן טאָן שלעכטס, וואַרטן נאָר, עס זאָל ווערן גוט פינצטער. מען מוז זיין אויף דער וואַך. אַנומלט האָט מען ביי טימאָפיעיעווען אַרויסגעריסן די גאַנצע מערעלעך.

— אָך אי הרעשני נאַראָד... — האָט זי געמורמלט און איינגעלייגט זיך אויפן האַרטן אויוון.

נאַדזשקע איז ניט געקומען

קאַפּיטל זעקס

שוין לאַנג איז נאַדזשקע אין דער היים ניט געווען. אין פעלד איז זי לעבעדיק, צעשריען. זי טוט יעדע אַרבעט, וואָס עס פאַלט איר צו, איז אַזוי פאַרבריהט, אַז זי פאַרגעסט אין אַלץ.

מיטן צופאַלן פון דער נאַכט ווערט איר שטאַרק אומעטיק, זי בענקט. בייזערט זי זיך אויף אַלע און רעדט מיט רוגזה. קיינעם אַרט עס ניט. יעדער איז פאַרנומען מיט זיך.

אין איינעם אַן אָוונט האָט מישקע דער „אָכראַניק“, וואָס היט די תבואה־פעלדער, זיך פאַרשלעפּט ביז די קאַזאַכישע אַאולן. ער האָט ליב געהאַט זיך צו האַלטן ווייט פון בריגאַדע־עולם, געפילט שטענדיק אַ פײַנטשאַפט צו זיך. נאָר מען האָט פון אים אָפּגעלאַכט. איז ער אַזוי געגאַנגען איינער אַליין מיטן סטעפּ אַזש ביז די קאַטשוק־פּלאַנטאַציעס. באַמערקט, אַז ער איז אַזוי ווייט פאַרקראָכן, האָט ער זיך שנעל צוריקגעקערט. פּלוצלונג האָט מישקאַ דערפילט אַ שטאַרקן ווייטיק אין פאַרווונדעטן פוס. ער האָט פאַרלאַנגזאַמערט זיין טראָט. פאָרזיכטיק נאָכגעשלעפּט דעם פוס. אָבער פונקט ווי אויף צו להכעיס, וואָס מער אויפמערקזאַמקייט ער האָט אַרויסגעוויזן צום ווייטיק, אַלץ מער האָט דער פוס געשטאָכן און געצויגן, אַזש דאָס האַרץ האָט געקלעמט.

מיט די לעצטע כוחות האָט ער זיך געשלעפּט. דער גרויסער שינעל, וואָס האָט איינגעוויקלט זיין קליין פיגורל, האָט זיך נאָכגעצויגן איבער דער ערד, מיט זיין קאַנט געבויגן די הויכע גראָזן, וועלכע האָבן זיך באַלד אויסנעגלייכט הינטער אים.

אין זיינע יסורים האָט מישקע דערפילט די שווערע משא פון ביקס, וואָס ער האָט געטראָגן אויפן אַקסל. כאָטש וואַרף זי אַוועק. קוים מיט צרות איז ער דערקראָכן צום אָפּגעזעגטן בוים, וואָס איז געלעגן הינטערן שייער. פון ווייטן האָט ער געזען דאָס פייער אונטערן קעסל, וואָס האָט נאָך שוואַך געטליעט נעבן דער באַזע. די אַרבעטער זיינען שוין געווען אינעווייניק.

אַראָפּלאָזנדיק זיך אויפן קלאָץ, האָט ער דערהערט אַ שורשען אין די פּאַרטריקנטע בלעטער, ווי הינער וואָלטן זיך דאָרט פּאַרקליבן.

מישקע האָט זיך אומגעדרייט און צו זיין שטוינונג דערזען נאַדזשקען. אינסטינקטיוו האָט ער זיך אַ הויב געטאָן, געוואָלט זיך גלייך אָפּטראָגן. גע־ווען זיכער, זי באַהאַלט זיך דאָ מיט וואַסקען אָדער עמעצן אַנדערש.

— זיץ, מישקע, וואָס אַנטלויפסטו ?

נאַדזשקע האָט אויסגעזען ברוגז. ער האָט אומזיכער געקוקט אַרום זיך. נים געגלויבט, אַז נאַדזשקע איז אַליין.

— עס טוט דיר שטאַרק וויי דער פוס, מישקע ?

— אַ ביסל.

— מישקע, ס'איז ריכטיק, אַז דיין טאַטע איז דערהרגעט אויפן פראָנט ?

— איך מיין, אַז יאָ. — האָט מישקע געענטפערט, קוקנדיק פאַר זיך.

— זאָג מיר, מישקע, דאָרטן אויפן פראָנט האָסטו מורא געהאַט ?

— פאַר וואָס ?

— פאַרן שיסן ? מען האָט דאָך דיך געקענט דערהרגענען.

— געווים האָט מען געקענט.

— דאָס מוז זיין שרעקלעך.

— וואָס ?

— דאָס הרגענען. איך האָב מורא. און דו, מישקע, און אַלע דאָרטן האָבן נים מורא ?

— דאָרטן... נאַדזשקע... פאַרשטייסט, וואָס ווער העלפן דאָס מורא האָבן ?

— ווי מיינסטו דאָרטן, מישקע, וואָלט איך מורא געהאַט ?

— איך האָב געזען מיידלער אויפֿן פּראָגנט. מען געוווינט זיך צו, אַז מען זעט שטענדיק דעם טויט פֿאַר די אויגן.

— און דו האָסט געזען?

מישקע שמייכלט. נאַדזשקע קוקט אויף אים און פֿירט איבער איר בליק אויף דער ביקס.

— פֿאַרוואָס, מישקאַ, שלעפּסטו די ביקס מיט זיך? גייסט אַרום אַזוי ווי אויפֿן פּראָגנט? צי וואָס דאַרפֿסטו עס? איך האָב עס פֿיינט.

מישקע האָט אָנגעקוקט נאַדזשקען און אָפּגעדרייט זיין בליק אין פֿאַר־לעגנהייט.

— מען הייסט פֿון ראַיאָן... פֿאַרשטייסט... איך ווייס?... איך בין צוגעוווינט... מען געוווינט זיך צו.

— דאַרפֿסט עס ניט, מישקע. דיר טוט דאָך וויי דער פֿוס, יאָ, מי־שענקאַ, די וווּנד אין פֿוס טוט דיר שטאַרק וויי? איז וואָס דאַרפֿסטו נאָך נאָכשלעפּן די גרויסע ביקס? עס איז דאָך דיר שווער, מישענקאַ.

אין יענעם מאָמענט האָט ער אין גאַנצן ניט געפֿילט דעם ווייטיק אין פֿוס. עס איז אים אַזוי גוט געוואָרן פֿון נאַדזשקעס רייד. ער האָט געשוויגן און פּלוצלונג אומגעריכט פֿאַר זיך אַליין אַ זאָג געטאָן:

— מיר איז ניט שווער, נאַדזשקע, איך בין שטאַרק!

נאַדזשקע האָט גאָרניט געענטפֿערט. שווער געזעסן און געשוויגן. מיט אַ מאָל זיך אַ הויב געטאָן פֿון אָרט.

— עס איז מיר שוין דערעסן, מישקע. דאָס גאַנצע לעבן איז מיר שוין דערעסן. צום טייוול! איך וועל גיין טרינקען אַ ביסל קיפּיאַטאָק. קום, מי־שענקאַ, דו האָסט נאָך אויך ניט געטרונקען. — האָט זי געזאָגט, שוין גייענ־דיק.

פֿון דאַן אָן קוקט ער שטענדיק אויף נאַדזשקען. ער זעט זי ביי די בייקן. אויף די הויכע וועגנער היי, ביים בינדן די סנאָפּעס. ער הערט איר שטים, ווען זי זידלט, ווען זי לאַכט. ער ווייסט שטענדיק וווּ זי איז און וואָס זי טוט.

וואָכן זיינען אַדורך. געוווען איז עס נאָך אַ הייסן און שווערן טאָג אַר־בעט אין סטעפּ. זאַיקע האָט שוין געהאַט אויסגעמאָלקן די קי, אַרויפֿגעג־שטעלט די קאַנען מילך אויף דער טיעלעגע, אָפּצושיקן זיי אין דאָרף פֿאַר דער צענטריפֿוגע. דאָס האָט נאַדזשקע זיי געזאָלט אָפּפֿירן, נעכטיקן אין

דער היים, זיין אין באָד און פאַרטאָג אויפקלייבן דאָס עסן פאַר די אַרבעטער. האָבן אָבער אַניוטען שטאַרק וויי געטאָן די ציין. שוין טעג ווי זי האָט זיך אָפגעמאַטערט. די באַק איז געוואָרן הויך, אָנגעשוואָלן. האָט דער בריגאַדיר איר געהייסן אָפפירן די מילך אין דאָרף אַריין און אין איין וועגס זיין ביים פעלדשער.

נאַדזשקע האָט זיך איינגעשפּאַרט און געזאָגט, אַז דאָס מאָל וועט שוין גאָרניט העלפן. אַניוטען טוען טאַקע וויי די ציין, איז זאָל זי פאָרן, וועד לאָזט זי ניט. איך וועל אָבער ניט בלייבן! — האָט זי געשריען מיט פאַרדרוס.

דער בריגאַדיר האָט זי געפּרוווט איינגעמען. נאַדזשקע האָט ניט געקוקט אין זיין זייט, ניט געוואָלט הערן, וואָס ער רעדט. זי האָט געזידלט גאָטס מאַמען, געשאָלטן אַלע הייליקע, די וועלט, דאָס פאַרשאָלטענע לעבן און אַלעמען צוזאַמען. צום סוף איז זי געבליבן.

דערפאַר וואָס זי איז אַזאַ באַווסטזיניקע קאָלכאָזניצע, האָט זי דער בריגאַדיר צוגעשטופּט צו דער וואַנט, אויסגעקניפּט אירע ראָזע באַקן. און אַז איר שטימונג זאָל זיין נאָך בעסער, האָט ער איר צוגעזאָגט, אַליין אַריינצוגיין זאָגן אַגאַפּיען, זי זאָל הייצן די באָד מאָרגן.

אַ ברוגזע, האָט זי נאָכגעקוקט, ווי אַניוטע האָט אַוועקגעטריבן דעם בייך דורך דעם וואַלד, געהערט, ווי די קאַנען האָבן געקלימפּערט, שאָקלענדיק זיך אויפן האַרטן וואָגן.

עס איז שוין געווען נאָכן טאָג. וואַסקע האָט איבערגעלאָזט זיין טראַסטאָר אין פעלד און זיך מיטגעכאַפּט מיטן דיעדושקע דאַנילע, וואָס האָט געטריבן די בייקן צום שטאַל. ער האָט זיך פאַרהאַלטן ביים ברונעם, אַריינגעגאָסן אַן עמער אין דער הילצערנער קאָריטע און זיך געוואַשן, געפּליוכעט אויף זיך דאָס קאַלטע וואַסער, געבריקעט ווי אַ יונג פערדל און געמאַכט אַ געץ אַרום ברונעם.

יוסטינאָוו דער בריגאַדיר האָט אַרויסגעאיילט פון שטוב, דערזען וואַסקען, האָט ער צו אים געשריען פון וויטן:

— וואַסקע, ביסט שוין דאָ? און וווּ זיינען אַלע?

— נאָך געבליבן דאָרט!

— האָט מען שוין אויפגעקליבן די סנאָפּעס?

— מען לייגט זיי איין!

— ווער שטייט אין דער הויך, ווער לייגט ?

— מיכאַאיל !

— מען דאַרף לויפן אין סטעפּ אַריין, האָט יוסטינאָוו געזאָגט צו זיך אַליין.

— היי, בריגאַדיר ! ווו ביסטו דאָרטן ? פאַרוואָס זעסטו ניט, מען זאָל רייניקן די שטאַלן ? קוק, ווי די קי שטייען אין מיסט !

דאָס האָט דער דיעדושקע דאַנילע געשריען פון שטאַל אַרויס. יוסטינאָוו איז אַריין אינעווייניק, עפּעס געטעדט מיטן אַלטן און באַלד צוריק אַרויס.

— עס וועט נאָך היינט רעגענען — האָט ער געזאָגט, אַ שמיץ געטאָן דאָס פערד און אַוועקגעפאָרן.

פון דער זון איז שוין קיין סימן ניט געווען. צווישן איינציקע שטערן האָט אַ בלאַסע לבנה זיך געוויזן איבערן וואַלד, פאַרפאַלן געוואָרן צווישן די ביימער, ווי זי וואָלט זיך פאַרטשעפּעט אָן זייערע שפּיצן און דערנאָך ווידער זיך אַרויסגעפּלאָנטערט.

ווייט, הינטערן וואַלד האָבן זיך גערוקט שווערע וואָלקנס. דאָרטן איז שוין געווען פינצטער.

אויף דער באַזע האָבן זיך שוין געקליבן די אַרבעטער. זיי זיינען ניט אַריין אין שטוב, נאָר געבליבן אין דרויסן, ביים אויפגעלייגטן פייער, געוואַרט דאָס וואַסער זאָל אויפקאָכן. מאַרוסקע האָט יעדע ווייַלע צוגעוואָרפן שפּענדלעך, דאָס פייער זאָל ניט אויסגיין. עס איז שוין געווען פול זשאַר צווישן די ציגל אונטערן קעסל. זיינען אַלע געזעסן, געקוקט, ווי דאָס פייער האָט יעדע ווײַלע זיך פאַרטונקלט, זיך אַרומגעוויקלט אין רויך און אויסגעשאָסן אין אַ פלאַם.

דאָס וואַסער האָט שוין געהאַט אויפגעקאָכט און זיי זיינען נאָך אַלץ געזעסן מידע מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט. עס איז געווען אַ סוד דערביי, וואָס מען האָט זיך ניט גערירט פון די ערטער.

זיי האָבן געוואַרט, דער בריגאַדיר זאָל פאָרן אַהיים.

אַרבעטנדיק נעבן די קאַרטאָפל־פעלדער, האָט היינט וואַסיל געבראַכט אַ טאָרבע קאַרטאָפל. באַקן זיי זיך איצט אין זשאַר. זאָל עס נאָר יוסטינאָוו ניט באַמערקן. דערציילן וועט אים קיינער ניט. ער קען נאָך פון דעם מאַכן אַ גאַנצן ענין. עס גייט ניט אַזוי אין דער גנבה פון די קאַרטאָפל,

ווי דאָס וואָס עס איז נאָך פרי צו טשעפּען די קוסטעס. זיי וועלן אָנהויבן צו טריקענען און אויפהערן וואַקסן.

— עס וועט באַלד אַ גאַס טאָן — האָט וואַסקע געזאָגט, צוקומענדיק.

— וועט ער טאַקע גיכער פאָרן אַהיים.

— ווער דאַרף עס אָבער איצט דעם רעגן צום שניט ? — האָט זאָיקע געזאָגט, קרעכצנדיק, און שווער זיך אַראָפּגעלאָזט נעבן פייער.

— זאָיקע, וואָס מאַכט פּערעסטע ? — האָט דאַנילע פון ווייטן אַ פרעג געטאָן.

— שוין, זי לעקט שוין אַרום איר בייקל. ביאַלע מאַטערט זיך נאָר.

— מען וועט מאָרגן גאָרניט קענ'ען אַרויסגיין אין פעלד אַרבעטן — האָט געזאָגט מיכאַיל, פאַרקוקט אין דער כמאַרע.

פּיעטראָוו, וואָס איז געזעסן אַליין אָן אַ זייט און אַרומגעוויקלט מיט אַ שטיקל לייוונט זיין פאַרשטאָכענעם פוס, האָט דאָס אויך באַשטעטיקט:

— עס וועט גוט אַ גאַס טאָן, ס'וועט מאָרגן זיין נאַס.

— וועט מען זיך אַ ביסל אָפּרוען — האָט זיך דערהערט אַ שטילער זאָג.

— מען דאַרף רייניקן די שטאַלן ! — האָט ווידער זיך אָפּגערופן דאַנילע.

— דער בריגאַדיר האָט שוין גערעדט וועגן דעם, אַז מען דאַרף אויך די שעפּסן שערן.

— איז זאָל מען קומען פון דאָרף שערן די שעפּסן !

— זעסט דאָך, ווי מען קומט.

— ניט אַלע זיינען אַזעלכע קאָלכאָזנע פערד ווי מיר — האָט אַ זאָג געטאָן מאַרוסקע און צוגעוואָרפן עטלעכע דינע ריטלעך צום פייער, וואָס האָט שוין געהאַלטן ביים אויסגיין.

דערווייל איז געוואָרן אַלץ טונקעלער. אַנטקעגן איבער די פעלדער האָט זיך עמעץ גערוקט פאָרויס. דאָס איז מישקאַ דער אָכראַניק געגאַנגען צו דער באַזע.

ווי שטענדיק אָנגעטאָן אין גרויסן שינעל, וואָס דער ברייטער רימען האָט אונטערגעהאַלטן, ער זאָל זיך ניט שלאָמפּערן אויף דער ערד. די אַרבל זיי-

נען אים געהאָנגען איבער די הענטפּלאַכן· פון גאַנצן שינעל האָט מען בלויז אַרויסגעזען זיין קליין קעפּל·

פון ווייטן האָט ער באַמערקט, אַז עס זיינען שוין אַרויסגעשטעלט די געוואַשענע עמערס און אַז קאַטיע איז שוין עטלעכע מאָל אַריין און אַרויס פון שטאַל· פון דאָרטן האָט זיך געטראָגן אַ האַרצרייסנדיק מוקען· דאָרט זיינען די צוויי קי פערעסטע און ביאַלע, זיי קעלבן זיך· פאַרטאָג זיינען זיי ביידע ניט אַרויס אין פעלד אויף פּאַשע·

אומענדלעך און טרויעריק האָט אים איצט אויסגעזען דער אַרום· די באַזע, צו וועלכער ער האָט זיך געשלעפּט איז געלעגן קליין און וויית, ווייטער ווי שטענדיק·

מישקע איז געגאַנגען און נאָכגעגאַנגען זיך אָפּגעשטעלט· אַנטקעגן אים האָבן זיך גערוקט בלייענע, שווערע וואָלקנס· פינצטערע קנוילן האָבן געיאָגט איינער איבערן צווייטן· דער ווייטיק אין פוס איז געווען ווי שטענדיק פאַר אַ רעגן און דאָך איז דאָס מאָל אים באַפאַלן אַ שרעק· ער האָט אַליין ניט געוווּסט פאַרוואָס· האָט דאָס די שווערקייט אין דער לופט, וואָס האָט ניט געלאָזט אָטעמען, אים אַזוי דערדריקט?

עס האָט אים אויסגעזען, אַז אַלץ ציטערט איצט·

די קו, וואָס שרייט פאַר ווייטיק אין שטאַל, זיין פאַרוווּנדעטער פוס, וואָס האָט מורא פאַרן אָנקומענדיקן שטורעם· עס ציטערן די ווייטע שטרעקעס סטעפּ, באַוואַקסן מיט ווילדע גראָזן, די זאַנגען אין פעלד· אַפילו די שוין אָפּגעשניטענע, די געבונדענע אין סנאָפּעס, ציטערן אויך· הילפלאָז האָט ער געקוקט אַרום זיך, ווי אַמאָל אויפן פראָנט, פאַר אַן אַטאַקע·

האָבן דאָס די טשאַטעס פייגל מיט זייער קראַקעריי אים דערמאָנט דאָס שלאַכטפעלד? איבערגעשראָקענע האָבן זיי זיך צעראָפּגעלאָזט אויף די יונגע קוסטעס ביי די ראַנדן פון וואַלד· געזוכט אין דער נידער אַ באַהעלטעניש· זיי זיינען געשפּרונגען פון צווייגל צו צווייגל און לסוף פאַררוקט זיך אין דער געדיכטקייט צווישן די ביימער· זייער דערשראָקענע טשווי־טשעריי, האָט זיך דערטראָגן פון דאָרטן אַזש אַהער·

מישקע האָט געזען דאָס געזעמל ביים פייער· וואַסקע איז צוגעקומען זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד, נעבן די מיידלעך· זיי האָבן אים אַלע ליב· מישקע אַליין האָט אים אויך זייער גערן· אַ גוטער ברודער, דער וואַסקע·

אַנומלט, ווען מישקע איז געשטאַנען אין פעלד, האָט וואַסקע באַהאַל־

טענערהייט אָנגעשאָטן אַ טאָרבע ווייץ. מישקע האָט זיך געמאַכט ניט זען. אַ ביסל אויך דערפאַר, ווייל ער האָט מורא פאַר אים. וואַסקע קען אָנברעכן די ביינער פאַרן זען אַזאַ זאַך.

כאָטש מישקע טוט קיינעם קיין שלעכטס ניט, פילט ער, אַז די גאַנצע באַציאונג צו אים האָט זיך געביטן. פון ווען אָן ער איז געוואָרן „אָכראַניק" פון דעם קאָלכאָזנעם ווייץ.

אַמאָל, פאַרן אַוועקגיין אויפן פראָנט, ווען ער האָט געאַרבעט מיט אַלעמען גלייך אין בריגאַדע, האָבן אים אַלע ליב געהאַט. די מיידלעך האָבן אים גערופן מישענקאַ, קליינער מישקע. זיי זיינען געווען גוט צו אים. היינט האָבן זיי אַ וואַקס געטאָן, געוואָרן גרויסע, אַ סך גרעסער פון אים. זיי לאַכן פון זיין שינעל, זיי זאָגן, ער, מישקע, איז צו קליין געוואַקסן פאַר אים. קיין זאַך געפעלט זיי ניט, אפשר אויך די קאַליקע פוס זיינע. ער איז זיכער, אַז מער פון אַלץ פאַרדריסט זיי אויף אים, וואָס ער גייט צווישן זיי מיט אַ ביקס. וואָס אַן אמת וואָלט ער זיך געקענט באַגיין אָן איר. דוכט זיך אים אָבער, אַז דאָ, אין סטעפ, דערגיט זי אים חשיבות.

מישקע האָט זיך יעדע ווילע אָפּגעשטעלט, פאַרקרימט פון ווייטיק, האָט ער זיך אָנגעשטרענגט און דאָך דערקראָכן נענטער צו דער באַזע. פון אַרום פייער האָבן זיך צו אים דערטראָגן שטימען, ער האָט אָבער ניט געקענט אונטערשיידן ווערעמנס.

— זיצט נאַדזשקע אויך דאָרטן ? — האָט ער אָנגעשפּיצט זיין גע־הער. ווען ער זאָל וויסן, אַז זי איז דאָרטן ביים פייער, וואָלט ער צוגעגאַנגען אַ קוק טאָן. איר קול אָבער האָט ער ניט געהערט. אַזוי שטייענדיק, האָט ער זיך דערמאָנט, אַז נאַדזשקע איז גאָר אַוועקגעפאָרן. נעכטן נאָך האָט דער בריגאַדיר געזאָגט, אַז היינט וועט זי שוין נעכטיקן אין דאָרף. אַ שאָד אים געווען, וואָס ער איז אַזוי שפּעט געקומען.

אַלץ צוליב דעם פאַרשאָלטענעם פוס... געקענט זען זי פאַרן אַוועק־פאָרן... גערעכט איז נאַדזשקע, — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — דאָס לעבן איז טאַקע דערעסן.

— זי האָט אויך געפרעגט, צו וואָס איך טראָג די ביקס. מען דאַרף טאַקע ניט. איך וועל אַריינגיין אויף דער באַזע, אויספּוצן זי, אַרויסנעמען די קויל און אויפהענגען אויף דער וואַנט. זי איז גערעכט. און אַז נאַדזשקע וועט קומען פון דאָרף, וועל איך גיין אָן אַ ביקס, איר וועט עס געפעלן...

שטיל און זייטיק האָט ער דורכגעשלייכט פאַרביי דאָס פייער און אַריין

אין שטוב. ער האָט אָנגעצונדן דאָס נאַפטלעמפּל און אַוועקגעזעצט זיך צו דער אַרבעט.

מיט אַ מאָל האָט אַ פינצטערניש אַרומגענומען דעם גאַנצן סטעפּ. דערשראָקענע מיט צעפלאָשעטע פליגלען האָבן זיך אין געלויף אַ שאָט גע־טאָן היגער, פון אַלע זייטן געלאָפן צו זייערע שערלאָס איבער די שטעלכ־לעך. פון יענער זייט האָט אַ בליץ אויפגעשפּאָלטן דעם הימל, צעהעלט אי־בער די שוואַרצע ביימער־שפּיצן און פאַרפאַלן געוואָרן אין חשכות פון וואַלד. אין דער לופט האָט זיך לאַנג געקייקלט אַ גערויש. ווייט פון דאַנען האָט געדונערט.

די ערשטע איז אַרייַנגעקומען אין שטוב מאַרוסקע. דערזען מישקען זיצן ביים טיש מיט אַ צענומענער ביקס, האָט זי זיך הויך צעשריען.

— קלייב זיך אַוועק פון טיש, פלאָקן־שיסער! לאָז גיין דעם עולם עסן, שוין פאַרטיק דער קיפּיאַטאָק.

זי איז שנעל געלאָפן פון איין פענצטער צום צווייטן, זיי האַסטיק פאַר־מאַכט און ניט איבערגעריסן דאָס שרייען צו מישקען:

— טראָג זיך אַוועק! וואָרום איך וואַרף דאָס אַלץ אַראָפּ, העלד גרוי־סער! ביסט אַ וואַזשנער מאַנצפּאַרשוין אָן דער ביקס אויך!

אַ פאַרשעמטער האָט מישקע שנעל געשאַרט אַלץ פון טיש און געלייגט נעבן זיך אויף אַ טאַבורעט. געאיילט, וואָס גיכער פאַרענדיקן די אַרבעט. ער האָט פאַרביסן די ליפּן. אַ פאַרדרוס אויף זיך אַליין האָט אים געפּייניקט.

— וואָס האָב איך זיך אַזוי דערשראָקן פאַר איר? — האָט ער זיך פאָרגעוואָרפן. ווען איך זאָל זיך ניט לאָזן אַזוי פון אַלעמען קריכן אויפן קאָפּ, וואָלט איך געווען פונקט ווי זיי אַלע.

מיט אַ מאָל איז ער געבליבן אין גאַנצן איבערראַשט. פון יענער זייט וועגטל האָט זיך דערטראָגן אַ געשריי:

— וואַסקע סוואָלאַטש, הער אויף קנייפּן! לאָז אָפּ, ווערסט מיך דער־שטיקן! איך בין הונגעריק ווי אַ הונט!

— גאַדזשקע — האָט מישקע אויפגעצאַפּלט — זי איז דאָ. ניט אַוועק־געפאָרן.

ער האָט תיכף פאַרגעסן די זידלערייַ פון מאַרוסקען. געשטאַנען אין

מיטן צימער, מיט דער ביקס אין האַנט, געוואָלט זי אויפהענגען אויף דער וואַנט און ניט געזען קיין טשוואָק. מיט זיינע אַלע חושים איז ער געווען דאָרט, נעבן איר. אָנגעשפּיצט האָט ער זיך צוגעהערט: זאָגט זי נאָך וואָס? אָט, ווען ער זאָל קענען אַריינגיין אין פּירהויז, צוגיין צו וואַסקען און אַוועקטרייבן אים. פאַרוואָס קנייפּט ער נאַדזשקען?... ער איז אָבער געשטאַנען און ניט גערירט זיך פון אָרט.

פּלוצלונג האָבן גרויסע רעגן־טראָפּנס אַ קלאַפּ געטאָן אין די שויבן. אַ ווינט האָט זיך צעוואָיעט. עס האָט אַ בליץ געטאָן און גלייך נאָכדעם האָט קורץ און הויך אָפּגעהאַקט אַ דונער.

אין דער מינוט איז די שטוב פול געוואָרן. שוין פאַרנעצטע זיינען אַלע אַרבעטער געקומען צו לויפן אויף דער באַזע.

— ער איז ערגעץ נאָענט אַראָפּגעפאַלן! — האָט זיך דערהערט דעם דיעדושקעס שטים פון פאָרהויז.

אַ רגע האָט אויך מישקע אויפגעצאַפּלט פון דונער און גלייך נאָך דעם ווייטער געטראַכט:

„זי איז הונגעריק ווי אַ הונט“, זאָגט זי, איך וועל איר אַוועקגעבן דאָס ברויט, וואָס די מאַמע האָט מיר געשיקט... דאָס ברויט וואָלט גוט געווען פאַר נאַדזשקען...

— היי, באָדראָוו, וואָס דרייסטו זיך אַרום ווי אַ באַבע אין דיין לאַנגער ספּודניצע מיט דער ביקס אין האַנט? — האָט וואַסקע פּלוצלונג זיך אָנגערופן — ביסט דאָך עפּעס שוין ניט קיין צוציק. די האָסט דאָך שוין יאָ געשמעקט פּולווער. די האָסט דאָך שוין אויך געהערט האַרמאַטן דונערן. ווייז נאָר, מישקע, ווי אַזוי זעען אויס אונדזערע אויפן פראָנט, ווען עס קנאַלט אַזוי!

מישקע האָט אַ שמייכל געטאָן ווי אַ פאַרשעמט קינד. ער האָט דערפילט אַלעמענס בליקן אויף זיך און אין זעלבן מאָמענט דערזען, אַז זיין שינעל איז טאַקע אַ ביסל לאַנג. ער האָט זיך אויסגעגלייכט, אַ צי אויס געטאָן זיך אין דער הויך און אויפגעהויבן די ביקס אויפן אַקסל. אַ פאַרגעטאָן, נאָך מער פאַרלוירן, פּלוצים אַ כאַפּ געטאָן די ביקס אין די הענט שעמטער, אַריין.

— אַזוי, בראַוואָ, מישקע. זעט מען אַ זעלנער פאַר זיך! ווייז זיי, מישקע, ווייז זיי! ווּפיעראָד! ראַז! — דוואַ! — טרי!

מישקע האָט געהערט אַלעמענס געלעכטער, ער האָט אָבער אויף קיינעם ניט געקוקט. זיין קאָפּ אַ ביסל פֿאַרהויבן, די אויגן אָנגעשטרענגט. אַ קינדערשער אומבאַהאָלפֿענער שמייכל איז דאָ אַרויף, דאָ אַראָפּ פֿון זיין קליין פּנימל, וואָס האָט זיך באַצויגן מיט אַ רויטקייט איבער די אויערן.

— וופֿיעראָד ! — האָט וואַסקע איבערגעחזרט.

— אין אַטאַקע ! וופֿיעראָד ! — האָט וואַסקע ווידער געגעבן אַ קאָמאַנדע און מישקע האָט אָנגענומען די פּאָזיציע פֿון שיסן מיט דער ביקס.

אין דער נידעריקער ראַם פֿון טיר האָט זיך באַוויזן נאַדזשקע. זי איז געגאַנגען זיך זעצן צום טיש. אָנגעקומען אויף אַזאַ ספּעקטאַקל, האָט זי זיך פֿאַרהאַלטן אויפֿן שוועל, אַראָפּגעלאָזט איר צעפֿלאַמט פּנים אויף איין זייט, צעשפּרייט די הענט אין אַ קרייץ און געבליבן שטיין ווי דער יעזוס אויפֿן בילד. איר האַלב ליידיקע טאָרבעלע עסן האָט זיך געבאָמבלט אין איין האַנט, געוויגט זיך הין און צוריק.

נאַדזשקעס פֿאַרהאַלטן זיך אויף אַזאַ קאָמישן אופֿן אַנטקעגן דער אָנגעשטעלטער ביקס האָט נאָך מער געהייטערט דעם עולם. איבער אַלעמען האָט געקלונגען מאַרוסקעס געלעכטער. זי האָט געקייכט און דער קיפּיאַטאָק האָט גענאָסן פֿון פּיאַלושקע, געקאַפּעט איבערן טיש.

מישקע האָט דערזען נאַדזשקען, איז ער שוין אין גאַנצן צעטומלט געוואָרן. זיין שמייכל פֿון פּנים איז פֿאַרשוווּנדן. אַ פֿאַרלוירענער האָט ער געקוקט אין אַלע זייטן, ווי ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפֿן, זיך ראַטעווען...

„נאַדזשקע איז ניט ווי אַלע, זי לאַכט ניט“ — איז אים דורכגעפֿלויגן אַ געדאַנק. אַ פֿאַרצווייפֿלטער האָט ער עס געזוכט אין איר בליק. זי איז אָבער געשטאַנען אַנטקעגן אים מיט פֿאַרמאַכטע אויגן און אַ שמייכל האָט געשפּילט אויף איר פּנים. ער האָט דייטלעך געזען אַ שמייכל...

דאָס געלעכטער אַרום אים האָט ער געהערט אַלץ שטאַרקער, אַלץ שטאַרקער און זי האָט אויך געהערט... מישקע האָט זיך אַ וואַקל געטאָן. אין דעם מאָמענט האָט זיך דערהערט אַ שאָס. נאַדזשקע איז געפֿאַלן אויף יענער זייט שוועל.

עס איז געוואָרן טויטשטיל. אַלע האָבן זיך איבערגעקוקט צעטומלטע. באָדראָוו איז געשטאַנען ווייס ווי אַ טויטער. זיינע ליפּן האָבן זיך באַוועגט און ניט אַרויסגעבראַכט קיין קלאַנג. קיינער האָט זיך ניט גערירט פֿון אָרט. מען האָט געוואַרט, אַז נאַדזשקע זאָל זיך דאָך אויפֿהויבן.

— בלוט ! — האָט אויסגעשריען דער בריגאַדיר, וועלכער איז אַריינ־געלאָפן פון פּאָדערהויז — בלוט ! דערשאָסן !

— ניין... ניין... עס איז ניט... ניט געווען קיין קויל אין ביקס.... — האָט מישקע קוים אַרויסגעשטאַמלט.

נאַדזשקע איז שוין געלעגן אויף דער בריטשקע, ווען מישקע האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט און צוגעלאָפן צו איר. זיין פּנים האָט זיך גע־קרימט, זיינע ליפּן האָבן געציטערט, אַז מען האָט קוים געקענט הערן די אָפּגעריסענע ווערטער :

— נאַדזש... נאַדזשקע... איך האָב אַרויסגענומען... די קויל איז ניט געווען... געוואָלט זי שוין אויפהענגען... נאַדזש, דו ביסט גערעכט... עס איז ניט געווען קיין קויל אין ביקס... דו ביסט...

דער בריגאַדיר האָט אים אַ שטופּ געטאָן און ער האָט זיך אַוועקגע־קייקלט צו דער וואַנט. זיין קאַליקער פוס, האָט אַ גלייכער זיך נאָכגעשלעפּט.

***

שוין שפּעט נאַכט געווען, ווען זיי זיינען פאַרפאָרן צו דער באָלניצע.

— נאָך וואָס האָט איר מיר געבראַכט אַ טויטע ? — האָט דער פעלד־שער הילפלאָז צעפירט די הענט.

יוסטינאָוו האָט אַוועקגעיאָגט צו אַגאַפיען. פאַרהאַלטן זיך הינטערן פענצטערל.

— אַגאַפיע ! אַגאַפיע ! — האָט ער גערופן.

אסתר איז ניט געשלאָפן. זי האָט געהערט עמעצן צופאָרן צום שטוב און זיך געוווּנדערט, וואָס עס איז שוין טאָג. אין רוף האָט זי דערקענט יוסטינאָווס קול. איז זי אַראָפּ פון געלעגער, אַרויפגעקראָכן אויף דער אויוון־באַנק. אויפן אויוון איז געווען אַ פינצטערניש. מען האָט גאָרניט געקענט זען.

— מומע אַגאַפיע, דו הערסט טיאָטקע ? דו שלאָפסט ?

— סטעראָ ? דאָס ביסטו ? מיר האָט זיך געחלומט, אַז מען וועקט מיך. מען דאַרף טאַקע אַראָפּגיין. זען דעם גאָרטן. דער סוף וועט זיין, מען

ווען צעשלעפן די פּאָמידאָרן. די קאַרטאָפל גראָבט מען אונטער. אוי ווײ, מען גראָבט זײ אונטער...

— קום, אַגאַפיע, גיכער קום!

— ביעשעניע! פּאַראַזיטן! — האָט זי אַ געשריי געטאָן — וואָס ווילט איר דאָרטן? ווער איז עס?

זי האָט זיך האַסטיק אַראָפּגעגליטשט פון אויוון און געבליבן שטיין: צעמישט. פאַר צעטומלטקייט ניט געקענט פאַרבינדן די ספּודניצע.

— אַגאַפיע, דו הערסט, אַגאַפיע! שטײ אויף! עס איז געשען אַן אומגליק מיט נאַדזשקען! — האָט יוסטינאַוו גערופן.

באָרוועס, אַ צעשויבערטע איז זי אַרויסגעלאָפן אין דרויסן. די ערד איז געווען נאַס. פול מיט גריבער וואַסער נאָכן רעגן. דאָס ערשטע האָט זי אין דער פינצטער דערזען דאָס פערד. אַ רגע שפּעטער דעם בריגאַדיר אין וואָגן.

— וו איז זי? וו איז זי נאַדזשקע?

פון בריגאַדירס אָפּגעריסענע רייד האָט אַגאַפיע גאָרניט געקענט באַגעמען. נאָר אַ שרעק איז איר באַפאַלן, וואָס האָט געמאַכט קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן. און אַן אימפּעט אין איר האָט געיאָגט שוין וואָס גיכער זי צו זען.

ווען אסתר איז אַרויסגעלאָפן פון שטוב, האָט זי געהערט דעם וואָגן זיך דערווייטערן. יוסטינאַוו האָט געיאָגט מיט הינטערשטע ווענן, דאָס וואַסער אין די גריבער האָט געשפּריצט. אין דער פינצטער האָט דער וואָגן געצייכנט אַ נאָך טונקעלערן פלעק. אסתר איז אים נאָכגעגאַנגען. פון צייט צו צייט האָט אויפגעהעלט. דאָס האָט ערגעץ שוואַך געבליצט. נאָר ווייט האָט נאָך גערעגנט.

דער וואָגן האָט זיך אָפּגעשטעלט נעבן באָלניצע.

— ניט דאָ — האָט אַגאַפיע זיך איינגעשפּאַרט. זי איז דאָך אַראָפּגעקראָכן פון וואָגן.

— פיר מיך ווייטער... צום סטעפּ... זי איז דאָרטן... זי איז ניט געקומען... — האָט זי געפּליסטערט און ווי אַ געשפּענסט, אַ צעפּלאָשעטע נאָכגעגאַנגען דעם בריגאַדיר. קיין וואָרט ניט באַנומען פון דעם, וואָס ער האָט גערעדט.

זיי האָבן זיך דורכגעשלייכט דעם פינצטערן קאָרידאָר, געקראָכן אויף שמאָלע טרעפּ אַרויף. אַגאַפיען האָט זיך געדוכט, אַז זי גייט גאָר נידעריקער. אַראָפּ, אַראָפּ, נאָך אַ האָר און זי פאַלט אין אַן אָפּגרונט אַריין. עס האָט איר געשווינדעלט פאַר דער שטילקייט דאָ. פאַרן גערוד פון קאַרבאָל.

— וווהין פירסטו מיך ?... זי איז דאָך דאָ ניטאָ !... זי קען דאָך דאָ ניט זיין... זי איז ניט געקומען... איך האָב געוואַרט ביז שפּעט... הערסט, יוסטינאָוו ? ווו איז נאַדזשקע, פרעג איך דיר ! — האָט זי נאָכאַנאַנד געשפּעטשעט, געצויגן דעם ברינגאַדיר ביים אַרבל אויף צוריק און קעגן איר ווילן האָבן אירע טריט געשאַרט נאָך אים.

— יוסטינאָוו, ווו איז...

אַגאַפיע האָט דערזען. אויף אַ בעטל, צוגעדעקט מיט אַ גרינער סאָלדאַטסקער קאָלדרע, איז עמעץ געלעגן. דער פעלדשער האָט אָפּגעדעקט אַ טויט געזיכט.

אַגאַפיע האָט געקוקט מיט ווילדע אויגן.

— נאַדזשקע ?

עס האָט געברענט דער בלייכער פלאַם אין לעמפּל. אַגאַפיע האָט שטום געקוקט און דערקענט. זי איז עס טאַקע געלעגן. אַ ווייסע... און מאָדנע ערנסטע.

— נאַדזש... דאָס ביסטו ?... קען ניט זיין... — האָט זי געפּליסטערט.

מיט אַ פאַרשטיינערטן בליק האָט זי געקוקט אַרום זיך. דערזען אסתרן אין דער אָפענער טיר, האָט זי אַ כאַפּ געטאָן זי ביי דער האַנט.

— קוק, סטעראַ, קוק גוט... דאָס... דאָס איז נאַדזשקע !...

זי האָט זיך אַראָפּגעבויגן און אַ געשריי, ווי פון אַ פאַרוווּנדעטער חיה האָט זיך געריסן פון איר האַלדז, געוועקט די שטילקייט אין דער פאַרשלאָפענער באָלניצע :

— נאַדזשקע, דו ? דו לעבסט ניט ?...

און באַלד איז זי געפאַלן אויף די קני. אַוועקגעלייגט איר קאָפּ נעבן דער טויטער און שטיל, גאָר שטיל געיאָמערט :

— סאָהרעשילאַ יאַ הרעשנאַיאַ, איך האָב פאַרזינדיקט...

* *
*

עטלעכע טעג איז אַגאַפּיע אין דער היים ניט געווען. נאָכן באַערדיקן גאַדזשקען איז זי אַוועק צו איר עלטערער טאָכטער.

אין איינעם אַן אָוונט, ווען אסתר איז שוין פאַרשפּעטיקט געגאַנגען פון דער אַרבעט, האָט זי באַמערקט עמעצן אויפן גאָרטן. זי האָט גלייך אָנגעהויבן לויפן. מען מאַכט אַ תל פון אַגאַפּיעס מי, האָט זי אַ טראַכט געטאָן. אויך נעכטן, ווען אסתר האָט זיך צוריקגעקערט פון דער אַרבעט, האָט זי געזען עמעצן אַראָפּלויפן, מען איז אַריבערגעשפּרונגען דעם פּלויט און פאַרשוונדן מיט דער הינטערשטער סטעזשקע.

צוגעקומען נענטער, האָט אסתר דערזען בעסער. דאָס מאָל איז עס גאָר געווען אַגאַפּיע. זי האָט זי קוים דערקענט. אַ קלענערע, אַן איינגעקאָרטשעטע, דעם קאָפּ צו דער ערד, איז זי אַרומגעקראָכן אין ראַזאָרע און מיטן גרויסן קרוג באַגאָסן די מערן. דער עמער איז אַ צוגעפּעסטיקטער צו דער לאַנגער שטריק געלעגן נעבן ברונעם. אסתר האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַרויסציען דאָס וואַסער. אַגאַפּיע איז צוגעקומען, אונטערגעשטעלט דעם קרוג און מיטן וואַסער ווידער אַוועק צווישן די בייטן. ביידע האָבן זיי געאַרבעט, שווייגנדיק. אויסגעמיטן צו באַגעגענען זיך מיט די בליקן.

— און גרישקע איז ביי סטאַלינגראַד — האָט אַגאַפּיע געמורמלט צו זיך אַליין. דאָס האָט זי דערמאָנט איר איידעם, דער טאָכטערס מאַן, פון וועלכער זי איז נאָר וואָס געקומען. אסתר האָט נאָכגעקוקט אַגאַפּיען, געהערט איר ריידן צו זיך אַליין. קיין ווערטער האָט זי אָבער ניט אויפגעכאַפּט. זי איז פאַרקראָכן טיף אין גאָרטן. מסתמא האָט זי שוין לאַנג אַזוי געאַרבעט.

אויפן וועג צוריק, ווען אַגאַפּיע איז געגאַנגען מיטן ליידיקן קרוג, איז זי שטיין געבליבן ביי אַ געל געוואָרענעם קוסט קאַרטאָפל. זי האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן אַ פאַרזשאַווערטן לעפל און אים אַ וואָרף געטאָן איבערן פּלויט. מיט דעם לעפל האָט מען וואַרשיינלעך אונטערגעגראָבן דעם קוסט און אַרויסבאַקומען די נאָך ניט רייפע קאַרטאָפּעלעך.

— הונגעריקע — האָט זי גערעדט צו זיך — דאָליע ביטערע... אומ־

גליק מיינער... ער ווייס ניט, וואָס דאָ איז געשען... און ער... ווער ווייס... וואָס איז מיט אים... וואָס דאַרפֿן טוט זיך, האָספּאָדי... האָספּאָדי... שוין גענוג, סטערא, אַלץ באַגאָסן.

זי האָט אַוועקגעשטעלט דעם קרוג און אסתר מיטן עמער וואַסער איז איר נאָכגעגאַנגען.

אין שטוב איז שוין געווען פינצטער. אַגאַפּיע איז אַרויף אויפֿן אויוון. לאַנג האָט אסתר געהערט זי קרעכצן און ריידן צו זיך אַליין.

פֿאַרטאָג האָט דער בריגאַדיר געקלאַפּט ביי די שכנים.

— באַביאָשקעס! — האָט ער גערופֿן — קומט מומינקעס, מאַמע־לעך געטרייע, מען מוז אויפקלייבן דאָס ברויט פֿון סטעפּ. ווער וועט עס טאָן? גיטאָ זיך אויף ווען צו פאַרלאָזן. אונדזערע מענער און זין זיינען אויף די פראָנטן! שלאָפֿט ניט! איצט איז ניט די צייט דערפֿאַר. קומט צונויפֿנעמען דאָס ברויט פֿון די פעלדער!

אסתר איז אַראָפּ פֿון געלעגער און געמאַכט זיך גרייט, אַרויסצוגיין צו דער אַרבעט. דערזען, אַז די זון שטייט שוין אַזוי הויך, האָט זי אָנגעהויבן איילן. אַריינגעקומען אין קיך, האָט זי שוין געטראָפֿן אַגאַפּיען. אָנגעטאָן צום אַוועקגיין, מיט אַ שטיקל ברויט אין האַנט, האָט זי ווי אַ צעטומלטע געדרייט זיך איבערן קיך.

— מומינקע אַגאַפּיע, וואָס זוכסטו? דאַרפֿסט אַ טאָרבעלע?

אַגאַפּיע האָט אויפגעציטערט, זיך אָפּגעשטעלט, ווי זי וואָלט זיך עפּעס דערמאָנט.

ניין, סטערא, ניט גוטיק. איך דאַרף ניט, געבליבן דאָרט גאַדזשקעס.

זיי זיינען ביידע אַרויס. אסתר האָט זיך פאַרנומען מיטן וועג צום „זאַגאָט־זיערנאָ". זי האָט געזען ווי אַגאַפּיע האָט אָנגעיאָגט די טיעלעגע, וואָס האָט געפֿירט די ווייבער צו דער אַרבעט. אָן אַ וואָרט, שווייגנדיק, האָבן זיי זיך אָפּגערוקט און געמאַכט פֿאַר איר אַן אָרט. דאָס פֿערד איז אַרויף אויפֿן וועג צו דער באַזע.

אַגאַפּיע איז אַוועקגעפֿאָרן אַרבעטן און שלאָפֿן אין סטעפּ.

סוף

אויסטייטשונגען פון ווערטער

די אויסטײַטשונגען פון ווערטער זענען געגעבן אינעם זין פון דער אקציע, אָדער כאַראַקטעריסטישע אויסדריקן פון דער געגעבענער פערסאָנאַזש.

אַאול — קאָזאַכישער דאָרף
אַיוי — אוי
אָטשערעד — ריי
בושעווען — ווילד, שטיפן זיין צעלאָזן,
באַביאָשקי — ווייבעלער
באַבעם — ווייבער
באַלטאַיען — פּלוידערן
באָלניצע — שפּיטאָל
בזניק — אַ וואַסער־יאַגדע וואָס וואַקסט צווישן ווילדע גראָזן
בייק — קאַסטרירטער אָקס
ביעשאַנאַיאַ — משוגענע
בליאַד — אויסוואורף
ברעשע — ביל
בריגאַדיר — אָנפירער פון אַן אַרבעטס־גרופּע
גרוזאָוויק — לאַסט־אויטאָ
גרוזשטשיקעס — לאַסט־אַרבעטער טרעגער
דיעדושקאַ — אַלטיטשקער, זיידע
האָרניצע — הויפּט־צימער

הרעשניע — זינדיקע
(מי הרעשניע) — (מיר זינדיקע)
האָספּאָדי — גאָט
וויכאָדנאָי — פרייער טאָג,
ופּיעראָד — פּאָרויס
זאַגאָט־זיערנאַ — תבואה־שפּייכלער
זאַמאָרעק — אַן איינגעדאַרטער, נישט אַנטוויקלטער
זאַסיקעס — אָפּגעטיילט אָרט אין אַ צימער, וווּ מען האַלט תבואה.
זאַראַזע — פּעסט
זשאָרנע — האַנט־מיל
טאַבונען — סטאַדעס
טיעלעגע — אַ וואָגן
טרוד־אַרמיע — אַרבעטס־אַרמיי
טשעפּוכאַ — שטותעריי, אַ נאַרישקייט
יעדנאָליטשניקעס — פּויערים, וועלכע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אין קאָלכאָז.

טרודאָרני — אַרבעטס־טעג
יעוואָ — זײַן, אים
באָזאַיקע — באַלעבאָסטע
באַטקע — הײזקע
כליעב־אובאָרקע — דאָס אַראָפּנע־מען תבואה פון די פעלדער
לוסקעס — שאָלן פון קערנער
לעפּיאָשקע — אַ פּלעצל ברויט
מאָלאָדיעץ — בריה
נאַטשאַלסטוואָ — די מאַכט
מוטשיטסאַ — מאַטערט זיך
נאַראָד — פאָלק
נאַשיע — אונדזערע
ניעבאָשטשיק — בר־מינן
סאָבאַקי — הינט
סטופּע — אַ שטויסל
סאָהרעשילי — פאַרזינדיקטע
סמעטניק — אָרט פאַר מיסט
סעל־סאָוויעט — דאָרפס־ראַט
סערדצע — האַרץ
סקאָוואָראָדע — פּאַטעלניע
פּיעטראַ — טאָג פון הייליקן פּיאָטר
פּיעראָזשקעס — געפּילטע געבעקסן
פּיאַלושקע — טיי־שיסעלע
פופּייקע — וואַטענער מלבוש
צערקווע — קירך
קוביש — נאָמען פון אַ אָזיערע
קאַרטאָפּלאַניק — קאַרטאָפל־קוסט
קומאַ — פרײַנדין
קורניקל — אַ נאַפּט־לעמפּל אָן גלעזל
קיזיאַקעס — מיסט־ציגעלעך צום הייצן
קלעשטשל — אַ ווערעמל וואָס זויגט בלוט
ראַזאָרע — שמאָלער וועג צווישן בייטן
ראָדינאַ — היימלאַנד

אפרופן וועגן דער "מיניאטור - ביבליאטעק"

„אונדזער שטימע" — באַר—פרען

מיטן דערשיינען פון ערשטן ביכל נאָוועלן פון אברהם ווייץ אין דער „מיניאַטור ביבליאָטעק", עפנט די פראַנצויזישע אָפּטיילונג פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אַ נײַ קאַפּיטל פון זיין נוצלעכער טעטיקייט.

יידיש פאַריז, וואָס פאַרמאָגט כל־ערליי קולטור־אינסטיטוציעס האָט ביז איצט זיך נישט פאַרנומען מיטן פאַרלאַג־וועזן. אַלע דערשינענע יידישע ביכער אין פראַנקרייך זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם „מאַנגערישן" באַרימטן פאַרלאַג „אַליינענו".

... קומט טאַקע אַן אויסדרוק פון אָנערקענונג דעם קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך פאַר דער איניציאַטיוו פון שאַפן אַזאַ „מי־ניאַטור ביבליאָטעק", וועלכע וועט געבן די מעגלעכקייט פאַר פיל שרייבער און פּאָעטן אַרויסצוגעבן זייערע שאַפונגען. עס איז מעגלעך, אַז פון דער „מיניאַטור" זאָל אין דער נאָענטסטער צוקונפט זיך אַנט־וויקלען אַ וואָגיקער פאַרלאַג.

„אַרבעטער וואָרט" — ב. שלעווין

ס'איז אָן שום ספק געווען אַ וויכטיקער אויפטו דאָס צו־טרעטן אַרויסצוגעבן אַ „מיניאַטור ביבליאָטעק". קליינע ביכלעך פון אַ 4 דרוק־בויגן, פון אָפּגעקליבענע דערציילונגען, לידער, עסייען. דאָס קען פיל דערנענטערן דעם לייענער צום יידישן בוך אין אונדזערע היינ־טיקע באַדינגונגען. עס וואָלט אפשר גיכער געפּאַסט דער נאָמען „מי־ניאַטור פאָלקס־ביבליאָטעק", כדי נאָכמער אונטערצושטרייכן דעם

פאָלקס־כאַראַקטער, וואָס אַזאַ קליינע זאַמלונג קען מיט דער צייט ווערן. וואָרעם מיר קענען דאָך זייער גוט אונדזערע יידן, די פּאַרהאָ־רעוועטע אַ גאַנצע וואָך און אַ גאַנץ יאָר מיטן עול פּרנסה. עס איז שווער אָפּצורייסן זיך און אַוועקזעצן זיך ביי אַ דיקן ספר. אַזאַ קליין ביכל קען מען נעמען אין קעשענע אַריין און ביי יעדער געלעגנהייט אַריינקוקן דערין.

עס איז אויך אָן שום ספק אַ געלונגענער איינפאַל אַרויסצו־געבן דאָס ערשטע ביכל — אַ קליינע זאַמלונג דערציילונגען פון אונ־דזער גוט־באַקאַנטן פּאַריזער טאַלאַנטפולן דערציילער אברהם ווייץ, וועלכער האָט זיך שוין קונה שם געווען מיט עטלעכע ביכער, וואָגיקע נאָוועלן און עטלעכע ראָמאַנען, וואָס זיינען נאָך אין בוך־פאָרם ליי־דער נישט דערשינען.

„אונדזער וואָרט"

דאָס יידישע פּאַריז האָט פון איצט אָן דעם קערן פון אַ פאַר־לאַג. די אָפּטיילונג פון יידישן קולטור־קאָנגרעס אין פראַנקרייך און די, וואָס שטייען אין איר שפּיץ, זענען פאַר דעם אויפטו ווערט וואָ־רעם באַגריסט צו ווערן.

דאָס ערשט־דערשינענע ביכל איז אַ קליינעם, אָבער שיינעם פאָרמאַט, מיט אַ ציכטיקער הילע פון גוטן געשמאַק, איז אַ זאַמלונג פון פינף דערציילונגען פון גוט באַקאַנטן נאָוועליסט און ראָמאַניסט אברהם ווייץ, אונטערן נאָמען „אַ קאַרשנבוים".

„אונדזער קיום"

די פּאַריזער אָפּטיילונג פון יידישן קולטור־קאָנגרעס ווייזט אַרויס זייט אַ געוויסע צייט אַ סך דינאַמיזם. זיין נייע איניציאַטיוו איז די „מיניאַטור־ביבליאָטעק", וועלכע איז ראוי באַגריסט צו ווערן.

... דער אויסוואַל פֿאַרן ערשטן נומער פֿון דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק" איז אָן ספֿק אַ געלונגענער.

... באַגריסן מיר דאָ אברהם ווייץ און מיר באַגריסן דעם קולטור־קאָנגרעס פֿאַר זיין פּרוכטבאַרער און געבענטשטער איניציאַטיוו און מיר ווינטשן אים, אַז פֿון דער „מיניאַטור־ביבליאָטעק" זאָל בקרוב אַרויסוואַקסן אַן אמתער יידישער פֿאַרלאַג אין פּאַריז.

„דער פּרייער געדאַנק" — י. ל.

די התחלה איז געמאַכט. עס איז שוין דערשינען דאָס ערשטע ביכל אונטערן נאָמען „מיניאַטור־ביבליאָטעק" און מען דאַרף באַלד צוגעבן, אַז סיי דער פֿאָרמאַט פֿון דער אויסגאַבע און סיי דער אויסוואַל פֿון ערשטן מחבר איז באמת זייער געלונגען.

אין סך־הכל דאַרף מען דאַנקען די פּאַריזער אָפּטיילונג פֿון קולטור־קאָנגרעס פֿאַר דעם אויפֿטו אַרויסצוגעבן די „מיניאַטור־ביבליאָטעק" און דעם שרייבער אברהם ווייץ פֿאַרן גייסטיקן נחת רוח וואָס ער פֿאַרשאַפֿט דעם יידישן לייענער מיט די קורצע דערציילונגען.

אינהאלט:

זייט

א װאָרט װעגן מחבר — מ. װ. 7

קאַפּיטל 1 — דאָס געזאַנג 9
קאַפּיטל 2 — פּרימאָרגן 16
קאַפּיטל 3 — אין דער היים 27
קאַפּיטל 4 — אויף דער מיל 36
קאַפּיטל 5 — שװערע טעג 50
קאַפּיטל 6 — נאַדזשקע איז ניט געקומען 57
אויסטייטשונגען פון װערטער 73

מיניאַטור-ביבליאָטעק

דערשינען:

אברהם ווייץ — „דער קאַרשנבוים“ — נאָוועלן

מנוחה ראַם — „ווייטער פון טראַקט“ — דערציילונג

בקרוב דערשיינט:

ל. דאָמאַנקעוויטש — „צעשאָטענע קערנער“ — עסייען

*

אויסגאַבעס פון קולטור-קאָנגרעס אין פראַנקרייך:

1 — קינדער-אַרבעטן וועגן שלום-עליכמען

2 — צוויי דובנאָוו-קאַרטלעך

3 — אַ דובנאָוו-פּאָרטרעט

4 — הונדערט יאָר דובנאָוו — ביאָגראַפיע און עסיי